גליון
# באור החיים
פרשת בהעלותך - תשפ"ה לפ"ק
גליון תתל"ה

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
אב"ד תפלה לדוד פודהייז שליט"א (לעיקוואד)
לרגל שמחת תגלחת בנו הילד דוד אייזיק ני"ו
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר שמואל לייב פעלבערבוים הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### אהרן הכהן כיון כוונות גדולות בהדלקת המנורה

**ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה.** פרש"י הק', להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.

הנה כל המפרשים תמהו מה הכוונה בזה, וכי הי' הוה אמינא שאהרן קדוש ה' ישנה ממצות ה'.

וכן דקדקו המפרשים למה חזר הכתוב לפרש 'אל מול פני המנורה העלה נרותיה' הלא היה די באומרו 'ויעש כן אהרן כאשר צוה ה' את משה'.

ופירושו צדיקים את הענין בזה, כי כאשר הצדיק מקיים מצוה ממצות ה', הוא מתלהב מאוד מרוב אור היחודים וכוונת הפנימיות של המצוה, ומפני כך קשה עליו לקיים כראוי את הפעולה החיצונית שבה, בפרט במצוה אשר הפעולה החיצוניות שלה נמשכת לזמן מה, קשה לו לקיימה כולה מרישא ועד גמירא, באופן שלא יצא מגדר אנושי כל עת קיומה. כן בעבודת הדלקת המנורה, הרי היתה עיקר כוונתו של אהרן, להדליק את האורות העליונים במנורה העליונה, ועל כן היה קשה עליו מאוד לעשותו גם בתחתונים, ולאחר הדלקת נר אחד או שנים, היה מן האפשר שיצא מגדר אנושי, ולא יוכל להדליק שאר הנרות.

וזהו שהכתוב מאריך לפרש ויעש כן אהרן, 'אל מול פני המנורה העלה נרותיה', רצה לומר, אף שכוון בהדלקתו אל מול פני המנורה העליונה, בכל זאת העלה גם נרותיה למטה, שהיה בכחו לכוין בעליונים ולעשות גם בתחתונים, זה הכוונה בדברי רש"י הק' 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', רצה לומר, שהחזיק את עצמו בכל שעת קיום המצוה שלא לשנות מן הפעולה החיצוניות של המצוה, ולהשלים הדלקות כל שבעת הנרות כדינא.

(עבו"ע פתג"ק בהעלותך)

### ע"י מדת האחדות נמשך חסד לעולם

**ובהקהיל את הקהל תתקעו ולא תריעו.**

פירשו תלמידי בעש"ט הק', 'ובהקהיל את הקהל', כאשר בני ישראל מתאספים יחד, 'תתקעו', נמשך בזה בחינת תקיעה, דהיינו חסדים, כי תקיעת קול פשוט רומז לחסדים, והוא נגד אברהם, שהוא מדת החסד, 'ולא תריעו', היינו ולא תשרה בכם בחינת תרועה, שהוא קול שבור הרומז לדינים, וכלשון הכתוב (תהלים ב' ט') תרועם בשבט ברזל, נמצא כי על ידי התאספות

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד
לחודש סיון
נתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ח יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין שליט"א
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' חיים נחום בן ר' יהודה ז"ל
יארצייט ביום י"ב סיון הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**פותח את ידיך, ווען איינער טיילט צדקה מיט א אפען האנט, ומשביע, באצאלט אים דער אייבערשטער געגוג און נאך.**

(שיח"ק ח"א ר"כ)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

## די פשט אין די ווערטער פון רש"י להגיד שבחו של אהרן שלא שינה,

ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה פרש"י הק', להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, וואונדערן זיך די מפרשים אין די כוונה פון דעם, איז דען דא א הוה אמינא אז אהרן קדוש ה' זאל עפעס משנה זיין פון מצות ה'.

נאך זענען די מפרשים מדייק, פארוואס חזר'ט די פסוק איבער, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, ס'וואלט געווען גענוג ווען עס שטייט נאר, ויעש כן אהרן כאשר צוה ה' את משה.

זענען צדיקים מפרש דעם ענין, אז ווען א צדיק איז מקיים א מצוה, ווערט ער מורא'דיג צופייערט פון די אור היחודים און פון די כוונת הפנימיות פון די מצוה, דערפאר איז אים זייער שווער מקיים צו זיין די פעולה חיצוניות פון די מצוה, און בפרט א מצוה וואס די פעולה חיצוניות פון דעם ווערט נמשך צו א לאנגע צייט, איז זייער שווער צו דאס מקיים זיין פון אנהייב ביזן סוף, אויף אן אופן אז ער זאל נישט ארויסגיין מגדר אנושי, און אזוי ווי עס איז געווען ביי הרה"ק בעל קדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע אז מען האט אים אמאל מכבד געווען מיט סנדקאות, און ער האט געזאגט אז ער וויל אליין מקיים זיין די מצות מילה, און נאכדעם וואס ער האט אראפגעשניטן די ערלה, איז ער אזוי נתלהב געווארן פון די אור המצוה, ביז ער האט מער נישט געקענט ממשיך זיין מיט די מצות פריעה ומציצה, און נאר בדרך נס האט ער געקענט ממשיך זיין מקיים צו זיין מצות פריעה ומציצה.

אזוי אויך ביי די עבודת הדלקת המנורה, איז די עיקר כוונה פון אהרן הכהן געווען, צו אנצינדן די אורות העליונים, און די מנורה העליונים, אזוי ווי עס איז מבואר אין זוה"ק און אין אלע ספרי קודש, און אויך אין ספה"ק אוהב ישראל די וואך איז ער מאריך צו מבאר זיין דעם ענין, אז דורך די הדלקת המנורה האט דער כהן פועל געווען צו אנצינדן אלע בוצינין טבין דלעילא, און ממשיך זיין פון דארט כל ברכאין טבין, און וויבאלד ער האט מכוין געווען אין די עולמות עליונים איז געווען שווער פאר אים צו טוען אויך בתחתונים, און נאכן אנצינדן איין ליכט צו צוויי, וואלט געווען מעגליך ער זאל ארויסגיין מגדר אנושי.

דערפאר איז די פסוק מפרש, אז ויעש כן אהרן, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, דאס מיינט צו זאגן, אז אפי' ער האט מכוין געווען ביים אנצינדן די מנורה, אל מול פני המנורה העליונה צו אנצינדן אלע בוצינין טבין דלעילא, אפי' אזוי האט ער אויך אנגעצינדן די נרות דלמטה, און דאס איז די כוונה פון רש"י הק' "להגיד שבחו של אהרן שלא שינה", דאס מיינט צו זאגן אז ער האט אנגעהאלטן צו מקיים זיין די פעולה חיצוניות פון די מצוה, און משלים זיין צו אנצינדן אלע שבעה נרות כהלכתן.

(עבו"ע פתג"ק)

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **שאול יחזקאל יודא שווארץ** הי"ו (לעיקוואד)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן




המשך מע' א

נשמות ישראל נמשכים חסדים לעולם, ונמתקים כל הדינים.

וכן ידוע העבודא מהרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע שפקד מעולם העליון לבנו הרה"ק רבי אלעזר זי"ע שירעיש עולמות שתשרו אחדות בין בני ישראל, ובכח זה יתבטלו כל הגזירות הרעות השוררות עליהם.

(עבו"ע פתג"ק ט"ו בשבט)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### בהעלותך את הנרות.

רש"י הק' לערנט ארויס פון דעם לשון 'בהעלותך' אז עס זענען געווען טרעפ פאר די מנורה וואס אויף דעם איז דער כהן גדול געשטאנען.

דארף מען פארשטיין פארוואס האט דאס אויסגעפעלט, די גאנצע מנורה איז דאך געווען הויעך נאר 18 טפחים, וואלט דאך אהרן הכהן געקענט ריין מאכן די מנורה מיט'ן אויפהייבן זיינע הענט.

נאר דא רעדט מען פון אהרן הכהן וואס ער איז געווען אנגעטוהן מיט אכט קליידער, און די גמרא זאגט, אז דער כהן גדול האט נישט געטארט אויפהייבן זיינע הענט העכער דעם 'ציץ' וואס דאס איז איינע פון די אכט קליידער, דעריבער איז געווען טרעפ פאר די מנורה, אז בשעת ווען ער מאכט ריין די מנורה זאל ער נישט אויפהייבן זיינע הענט העכער'ן ציץ.

(מלא העומר)

### בהעלותך את הנרת אל מול פני המנורה יאירו.

עס איז באקאנט צווישן חסידיש'ע אידן, אז כדי זיך צו קענען האלטן ערליך און דערהויבן, דארף מען זיין מקושר צו א צדיק, דאס קען זיין דא א רמז אין פסוק 'בהעלותך את הנרות' ווען מען וויל ארויף ברענגען די נשמות פון די יודן, 'אל מול פני המנורה יאירו' מוז מען זיין נאנט צום צדיק, וואס ווערט אנגערופען פני הדור.

(ר' מנחם מענדל מרימנוב זי"ע)

### ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה (רש"י).

עס איז באקאנט אז א מצוה וואס מען טוט כסדר דארף מען אכטונג געבן אז עס זאל נישט געטון ווערן כמצות אנשים מלומדה מיט א געוואוינהייט, דאס זאגט רש"י 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה' אז ער האט נישט געטוהן די מצוות כמצוות אנשים מלומדה, (שינה איז א לשון פון חזר'ן/געוואוינהייט) נאר יעדן טאג באזונדער איז דאס געווען פאר איהם ווי א נייע מצוה.

(הרה"ק רבי מנחם מענדל מ'לינסק זי"ע)

## א מעשה אויף די פרשה

### בעבדי אף על פי שאינו במשה, במשה אפילו אינו עבדי (רש"י)

דער הייליגער קצות החושן איז געווען א רב אין א שטאט, און ער איז געווען א מתנגד צו חסידות, האט אמאל פאסירט אז עטליכע חסידים פון דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע האבן מזלזל געווען בכבודו פונעם קצות החושן, וויל ער איז א מתנגד, האט דער קצות זיי אריינגעלייגט אין חרם אויף צוויי וואכן.

זענען די חסידים געפארן קיין לובלין כדי צוווארטן ביים רבי'ן ביז עס וועט דורכגיין די צייט פון דער חרם, אנקומענדיג קיין לובלין האבן זיי געוואלט אריין גיין צום רבי'ן, זאגט זיי דער גבאי אז דער רבי האט אנגעזאגט מען זאל ענק נישט אריינלאזן ביז צוויי וואכן.

נאך די צוויי וואכן ווען עס האט זיך שוין געענדיגט זייער חרם, זענען זיי אריין צום הייליג'ן לובלינ'ער, רופט זיך אן דער חוזה צו זיי, 'איך וועל אייך זאגן פשט אין די ווערטער פון רש"י בעבדי אף על פי שאינו במשה, במשה אפילו אינו עבדי', וויל מען דארף וויסן אז עס איז דא 2 מיני מענטשן וואס מען דארף פון זיי מורא האבן, דער וואס איז בבחינת 'עבדי' וויל ער איז דבוק יומם ולילה אין עבודת השם, 'אע"פ שאינו משה' ער איז נישט דער גדול הדור בתורה, און דער וואס איז בבחינת 'משה' א גדול הדור בתורה, 'אפילו אינו עבדי' ער איז נישט אין די בחינה פון די בעלי העבודה'. ודפח"ח

*

### ויאמר אל נא תעזוב אותנו כי על כן ידעת חנותינו במדבר והיית לנו לעינים

דער הייליגער מהר"ם שי"ק זי"ע האט געשריבן אמאל א בריוו, אז עס האט פאסירט ביי זיין הייליגן רבי דער חתם סופר זי"ע אז מען האט אים אויפגענומען אין די גרויסע קהלה פיורדא און לאנד דייטשלאנד, און עס איז געווען דער שמועס אז אויב דער חתם סופר וועט קומען קיין דייטשלאנד וועט ער איבערדרייען די גאנצע מדינה צום גוטן אבער די שטאטלייט פון פרעשבורג האבן

המדור הזה נתנדב ע"י מהו"ר ברוך פרושינובסקי הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן יודא ארי' ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

שטארק פארפירט אז זייער הייליגן רבי דער חתם סופר זאל פארלאזן זייער שטאט, מען האט זיך געבעטן אז ער זאל נישט פארלאזן די שטאט אבער מען האט נישט געקענט פועל'ן אז ער זאל יא בלייבן

ביז עס איז אנגעקומען א חשובע איד, ר' הירש יפ"ה, און און געזאגט פאר'ן חתם סופר 'רבי עס איז אמת אז אויב דער רבי וועט גיין קיין דייטשלאנד וועט ער דארטן אויפטוען גרויסע זאכן, אבער דאס איז דאך זיכער אז דא אין שטאט וועט ווערן שוואכער דאס אידישקייט, דאס לערנען תורה וועט ווערן שוואכער, און דאס וועט האבן א נישט גוטע השפעה אויף גאנץ אונגארן, נא רבי וואס איז דען בעסער, צו מאכן פון גוים אידן, אדער פון אידן גוים', די ווערטער האבן טאקע געהאט א השפעה, און דער הייליגער חת"ם איז געבליבן אין פרעשבורג.

דאס זעלבע קען מען אריינטייטשן אין פסוק, ווען משה רבינו האט געזעהן ווי זיין שווער וויל צוריק גיין קיין מדין און דארט דערציילן די געוואלדיגע נפלאות ה' און מקדש זיין דארט דעם שם ה', האט משה רבינו געזאגט צו יתרו, 'טאקע דו וועסט אויפטוען דארט אין מדין פאר אידישקייט, אבער אויך דא אין מדבר קענסטו אויפטון פאר כבוד שמים, וויל 'כי אתה ידעת חנותנו במדבר' ווי עס איז נישט קיין אויפגעבויטע ישוב און מען מוטשעט זיך שטארק, אבער ווען מען זעט דיר יתרו וואס דו האסט איבערגעלאזט אלע באקוועמליכקייטן וועגן כבוד שמים, דאן נעמען די אידן פון דיר א מוסר השכל ווי אזוי מען דארף אויף זיך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים באהבה'.

דאס זאגט משה רבינו, 'אל נא תעזוב אותנו' זאלסט אונז נישט פארלאזן וויל דורך דיין בלייבן דא 'והיית לנו לעינים' וועט מען קוקן אויף דיר, און זיך אפלערנען פון דיר ווי אזוי צו דינען דעם רבש"ע.



המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **משה דוד יודא סג"ל גאלדשטיין** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## מסע הקודש

### נסיעה לקברי צדיקים

לרגל די גרויסע מסע הקודש וואס פולע אנשי שלומינו גרייטן זיך מיטצוהאלטן, ווען כ"ק רבינו שליט"א וועט זיך משתטח צו זיין ביים ציון המצוינת, פונעם הייליגען שרף רבינו הקדוש רבי משולם פייש בן רבי מרדכי זצוקללה"ה זי"ע, לרגל די יומא דהילולא רבה כ"ח סיון, האבן מיר געשריבן בעזהי"ת, די גרויסקייט פון אזא נסיעה, און וואס מען קען אלץ ערררייכן ביי אזא הייליגע נסיעה.

### א
### שאלה: וואס איז דער ענין פון פארן צו די קברי צדיקים?

**תשובה:** עס איז איינגעפירט ביי כלל ישראל אז ווען עס מאכט זיך חלילה א צרה רח"ל, גייט מען ארויס צו די בתי חיים, בעטן רחמים פון די צדיקים וואס געפונען זיך שוין אין עולם העליון בגנזי מרומים, אז זיי זאלן מעורר זיין רחמי שמים אויף כלל ישראל.

אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (מסכת תענית) פארוואס גייט מען ארויס אין בית הקברות ווען עס איז נישטא קיין רעגן, כדי מעורר צו זיין די מתים אז זיי זאלן בעטן רחמים אין הימל.

און אזוי שטייט אויך אין זוהר הקדוש אז בשעת די וועלט דארף רחמים, און די לעבעדיגע מענטשן גייען צו די קברים, און זיי וויינען און לאזן וויסן אז זיי דארפן רחמים, ווערן די נפשות פון די צדיקים נתעורר און זיי גייען צו די אבות הקדושים וואס ליגן אין חברון, און זיי זענען זיי מודיע פון דעם צער, און דעמאלטס גייען זיי אלע צוזאמען און זיי זענען מעורר רחמים פארן אייבערשטן, און הקב"ה איז זיך מרחם צוליב זיי.

און אזוי האט מען זיך געפירט אין אלע דורות אז צדיקים און גדולי ישראל זענען געגאנגען אויף קברי אבות און קברי צדיקים, מתפלל זיין און זיך אויסבעטן.

דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע, האט געטייטשט דעם פסוק (תהלים קכ"ה ה') 'יברכך ה' מציון' אז עס וועט קומען א צייט ווען אידישע קינדער וועלן דארפן ישועות, וועלן זיי געהאלפן ווערן דורכ'ן גיין צו א ציון פון א צדיק.

### ב
### שאלה: ווי איז דער מקור פון גיין צו קברי אבות?

**תשובה:** דער ענין פון גיין מתפלל זיין ביי די קברי אבות, טרעפן מיר שוין ביי רחל אמינו ע"ה, יוסף הצדיק, כלב בן יפונה, ווי פאלגענד:

### רחל אמינו

עס שטייט אין מדרש, פארוואס האט יעקב אבינו ע"ה באערדיגט רחל אמינו ע"ה אינמיטן די וועג, און נישט אריין געטראגן אין שטאט, ווייל ער האט געזען מיט רוח הקודש, אז ווען די אידישע קינדער וועלן ווערן פארטריבן אין גלות, וועלן זיי דורך גיין רחל'ס קבר, און זיי וועלן דארט שרייען און וויינען, און זי וועט בעטן רחמים אויף זיי.

### יוסף הצדיק

און אזוי טרעפן מיר אין מדרש אז ווען יוסף הצדיק איז אראפ געטראגן געווארן קיין מצרים, האט ער זיך משתטח געווען אויף זיין מאמע רחל'ס קבר, און זיך געבעטן צו איר מיט א ביטערליך געוויין, 'מאמע! מאמע! זעה מיין פיין, און זעה ווי מען וויל מיך פארקויפן פאר א קנעכט, קלאג און וויין אויף מיינע ליידן', האט זי אים געזאגט, 'מיין טייער קינד, איך האב געהערט דיין געוויין, און געזען דיינע טרערן, און איך האב מיטגעליטן מיט דיין פיין, זאלסט וויסן אז דער אייבערשטער איז מיט דיר, און ער וועט דיר העלפן פון אלע דיינע ליידן'.

### כלב בן יפונה

מיר טרעפן אין די גמרא, אז בשעת כלב בן יפונה האט געזען אז די מרגלים רעדן שלעכטס אויף ארץ ישראל, האט ער זיך אפגעשיידט פון זיי, און ער איז געגאנגען משתטח זיין אויף די קברים פון די אבות הקדושים, און ער האט זיי געבעטן אז זיי זאלן בעטן רחמים אויף אים, אז ער זאל ניצול ווערן פון זייער שלעכטע עצה.

### משה רבינו

נאך טרעפן מיר אין די גמרא, דער טעם פארוואס דער אייבערשטער האט פארהוילן ווי די קבר פון משה רבינו ע"ה געפונט זיך, ווייל אויב וואלטן די מענטשן געוויסט ווי זיין קבר געפונט זיך, וואלטן זיי געגאנגען בעטן ביי זיין קבר, אז ער זאל פועל'ן אין הימל אז משיח זאל שוין קומען, און ער וואלט דאס זיכער געקענט פועל'ן, כאטש עס איז נאך נישט געקומען די צייט, דעריבער האט דער אייבערשטער פארהוילן זיין קבר, אז מען זאל נישט קענען בעטן פון אים, אז ער זאל פועל'ן אין הימל צו ברענגען די גאולה, און מען טאר נישט ברענגען די גאולה פאר עס קומט אן די ריכטיגע צייט.

### ג
### שאלה: וואס איז דער ענין פון גיין צו קברי צדיקים?

**תשובה:** די ספרים הקדושים שרייבן פארשידענע טעמים איבער דעם ענין פון גיין צו קברי צדיקים, ווי פאלגענד:

### 1. מחזק די אמונה

רבי מאיר קליערס

זצ"ל דער רב פון טבריה, זאגט אז אויסערדעם וואס עס זענען דא אין דעם ענין פון גיין צו קברי אבות, גרויסע סודות און געוואלדיגע ענינים, איז דא אין דעם א טעם על פי פשטות, ווייל דאס גיין מתפלל זיין ביי די צדיקים, ברענגט ארויס די אמונה אינעם אייבערשטן און אין די צדיקים.

איבערהויפט ווען מען גייט צו צדיקים פון די פריערדיגע דורות, וואס מען האט זיי בכלל נישט געזען, וואס דאס ווייזט ארויס ווי שטארק די אמונה איז אין די צדיקים.

רבינו הקדוש זי"ע ברענגט אין עבודת עבודה, אז דער ווער עס גייט צו קברי צדיקים, און גלייבט נישט באמת אז זיי קענען פועלן א ישועה אין הימל, איז בעסער ווען ער גייט בכלל נישט צו זייערע קברים (עבודת עבודה שיחות קודש ח"א סימן שי"ח).

### 2. מעורר צו תשובה

אויך ווערט געברענגט אז דאס גיין זיך אויסבעטן ביי קברי צדיקים, איז מעורר דעם מענטש צו תשובה באמת און אפגעהיטן צו ווערן פון אלע צרות בגשמיות וברחניות.

### 3. השראת השכינה

דער גר"א זצ"ל שרייבט, אז די שכינה הקדושים רוהט ביי די קברים פון די צדיקים ישיני עפר, און ווען מען איז דארט מתפלל ווערט די תפלה מער אנגענומען, און דער אייבערשטער מאכט טובות אפילו פאר דעם וואס איז נישט ראוי דערצי (ספר המדות ערך צדיק אות קע"ג).

## ד

## שאלה: איז דא א ענין אז כהנים וואס קענען נישט צו גיין נאנט צום ציון פונעם צדיק, אז זיי זאלן זיך משתתף זיין מיט א נסיעה צו די מקומות הקדושים?

**תשובה:** כהנים וואס טארן נישט אריין גיין אין בית החיים, קענען שטיין אינדרויסן פון בית החיים, און זיי קענען פועל'ן פון דארט ווי זיי שטייען, פונקט אזוי ווי זיי זענען נאנט צום ציון. נאר אויב זיי קענען שטיין אויף אזא פלאץ וואס מען קען זען פון דארט דעם ציון הקדוש, אדער דעם אוהל, איז בעסער אז זיי זאלן דארט שטיין און דארט מתפלל זיין (אלף למגן).

און אויב מען קען בכלל נישט צו קומען נאנט צום בית החיים, קען מען מתפלל זיין אפילו מען איז ווייט פון בית החיים, וויבאלד מען געפונט זיך אין די שטאט ווי דער צדיק ליגט, קען מען פועל'ן א ישועה.

* עס ווערט דערציילט אז הרב החסיד רבי לוי יצחק כהנא פון שטאט ווישניצא איז אמאל געקומען צום הייליגן דברי חיים זי"ע, האט אים דער דברי חיים געפרעגט, אין די נאנטע טעג גייט דאך זיין די יארצייט פון הרב הקדוש בעל אריה דבי עלאי, וואס ער ליגט אין שטאט בריגל, וואס זיכט איר יעצט דא, האט אים רבי לוי יצחק געזאגט איך בין דאך א כהן, און איך קען סיי ווי נישט צו גיין צום ציון הקדוש, האט אים דער דברי חיים געזאגט, אז אינעם טאג פון א יארצייט פון א צדיק איז מסוגל צו זיין אין דעם שטאט ווי דער צדיק ליגט, און מען קען זיך אויספועל'ן אלעס גוטס (ספר זכות ישראל, עשר צחצחות, מערכת ט' רבי חיים הלברשטאם מצאנז, אות נ"ד).

* אויך ווערט דערציילט אז א איד וואס איז געגאנגען וואוינען קיין ליזענסק, איז זיך געגאנגען געזעגענען פון הרה"ק ישמח ישראל זי"ע, האט ער געזאגט פאר דעם איד, 'איך בין דיר מקנא אז דו גייסט וואוינען אינעם שטאט וואס דארט ליגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע', האט אים דער איד געזאגט, איך בין דאך א כהן, און איך וועל סיי ווי נישט קענען גיין צו זיין ציון, האט דער ישמח ישראל געזאגט, 'צו וואוינען אין א שטאט ווי א צדיק ליגט איז אויך דא וואס מקנא צו זיין' (אורות רבותינו, עמוד ס"ו אות י"ג).

## ה

## שאלה: מעג מען נוצן מעות מעשר כדי מען זאל קענען פארן צו קברי צדיקים?

**תשובה:** איינער וואס פירט זיך צו געבן מעשר געלט נאר פאר ארימעלייט טאר נישט נוצן דאס געלט כדי צו פארן צו קברי צדיקים, אבער איינער וואס נוצט מעשר געלט אויך פאר אנדערע מצות, איז באהעכטיגט צו נוצן מעשר געלט כדי צו פארן צו קברי צדיקי אמת, מיט די תנאים, אז ער האט נישט קיין אייגענע געלט, און נאר ווען זיין כוונה איז מתפלל זיין.

## ו

## שאלה: דער מנהג איז אז אין די טאג פון א יארצייט פון א צדיק, פארן אסאך מענטשן צום ציון פונעם צדיק, ווי איז דער מקור דערפון, און וואס איז דער ענין?

**תשובה:** דער מקור דערפון טרעפן מיר אין רש"י אין מסכת יבמות בשם הגאונים, אז עס איז דא א מנהג אז אין דעם טאג פון א יארצייט פון א אדם גדול, באשטימט מען דעם טאג אים מכבד צו זיין, מען קומט זיך צוזאמען ביי זיין קבר מתפלל צו זיין, און מען לערנט לעילוי נשמתו.

און אין דעם טאג פון א צדיק'ס יארצייט, האט דער צדיק א געוואלדיגע כח אויסצופועל'ן אין הימל פאר די אלע וואס זענען מתפלל, און די תפלות ווערן אנגענומען, און דער צדיק בענטשט יעדן וואס איז זיך מדבק אין זיינע מעלות און מדות טובות, און אין זיין תורה און יראה.

### א מתנה צו די חתונה

* הרה"ק רבי ישכר דוב מ'בעלזא זצ"ל, פלעגט זאגן אז ביי א יארצייט פון א צדיק מאכט מען א גרויסע שמחה אין הימל, אזוי ווי א גרויסע חתונה, און ביי א חתונה איז דאך דער מנהג אז מען גיט א מתנה, אזוי אויך גיבט דער אייבערשטער א מתנה פארן בעל הילולא, און איך האב געהערט פון מיין זיידע דער אוהב ישראל זי"ע, וואס האט געזאגט, אז דער אייבערשטער גיט פארן צדיק א מתנה, אז ער זאל קענען משפיע זיין פאר כלל ישראל 'בני חיי ומזוני'.

### בענטשט יעדן וואס

## קומט מתפלל זיין

* הרה"ק רבי הערש'עלע ליסקא זי"ע, פלעגט פארן יעדעס יאר קיין אוהעל צום ציון פון זיין הייליגן רבי' דער ישמח משה זי"ע, אין טאג פון זיין יארצייט 'כ"ח תמוז', און נאכדעם איז ער אריין אין שטאט אוהעל, און ער האט געזעגנט דעם עולם, איין יאר גלייך נאכן מתפלל זיין ביים ציון, איז ער אהיים געפארן קיין ליסקא, און אויף די שאלה פארוואס איז ער נישט אריינגעקומען אין שטאט געזעגענען דעם עולם, האט ער געענטפערט 'ביים ארויס גיין פון ציון האב איך געזען ווי דער הייליגער רבי, דער ישמח משה זי"ע שטייט העכערן אוהל און זיינע צוויי הענט זענען אויפגעהויבן אויף דער הויעך, און ער בענטשט יעדן וואס קומט מתפלל זיין מיט אלע ישועות, נו!, אויב אזוי וואס פעלט אויס מיינע ברכות'.

* אזוי אויך ווערט דערציילט אז הרה"ק רבי יששכר דוב מ'בעלזא זצ"ל איז אמאל געווען ביים יארצייט פונעם הייליגן קאלוב'ער רב זי"ע ז' אדר, און דער עולם האט זיך שטארק געשטופט אריין צו גיין אין אוהל, האט ער געזאגט 'פארוואס שטופט מען זיך, זעהט איר דען נישט ווי דער הייליגער קאלוב'ער שטייט און בענטשט יעדן וואס קומט צו זיין ציון'.

ז

## שאלה: איינער וואס קען נישט גיין צום ציון פון א צדיק אין טאג פון זיין יארצייט, וואס קען ער אלץ טוהן?

**תשובה:** עס איז דא עטליכע עצות וואס מען קען טוהן, ווי פאלגענד:

### 1. שיקן א שליח

אויב מען קען נישט אליין גיין צו קברי צדיקים, קען מען שיקן א שליח, אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים.

* דער הייליגער באר מנחם פון קאלוב זי"ע האט דערציילט, אז הרה"ק רבי ישכר דוב מ'בעלזא איז אמאל אנגעקומען קיין ראצפערט, בין איך תיכף געפארן פון קאלוב קיין ראצפערט צו נעמען שלום פון אים, און איך האב געזען ווי דער בעלזא רב איז זייער מיד פון די טורח הדרך, און ער האט זיך אנגערופן צו מיר, אין אמת'ן וואלט איך געדארפט גלייך פארן קיין קאלוב צום ציון פון הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלוב'ער, אבער אזוי ווי איך בין זייער אפגעשוואכט, און איך בין נישט בכח צו פארן, וויל איך אייך בעטן א טובה, ווען איר פארט צוריק קיין קאלוב, זאלט איר זיין מיין שליח, און גיין צום ציון פונעם הייליגן קאלוב'ער און אראפ לייגן דעם קוויטל.

דעם אנדערן טאג ארום פינף א זייגער פארטאגס בין איך געגאנגען אויספירן מיין שליחות, און ווי פארוואונדערט בין איך געווארן ווען איך האב געזען ווי עס דערנענטערט זיך צום ציון א שיינע וואגן מיט צוויי פערד, בין איך צוגעגאנגען זען ווער דאס איז, האב איך געזען אז דער בעלזא רב זיצט דארט, און דער בעלזא רב האט מיר געזאגט מיט דעם לשון: 'איך האב מיך נישט געקענט איינהאלטן יוצא זיין מיט א שליח" (פרדס הצדיקים, עמוד תשפ"ד ד"ה סיפר).

### 2. זיין אין דעם שטאט

אויך ווערט געברענגט, אז אויב מען קען נישט גיין צום ציון פונעם צדיק אינעם טאג פון יארצייט, זאל מען כאטש זיין אין דעם שטאט ווי דער צדיק ליגט, ווייל די קדושה פונעם צדיק איז משפיע אויפן גאנצן שטאט, אזוי ווי מיר האבם אויבן געשריבן פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע, און פון הרה"ק דער ישמח ישראל.

### 3. דריי טעג פאר די יארצייט

עס איז מקובל אז ווער עס קען נישט זיין ביים ציון אין טאג פונעם יארצייט, קען גיין אין די דריי טעג פון פאר די יארצייט, און אין דריי טעג פון נאך די יארצייט.

און אזוי פארציילט רבינו הקדוש זי"ע אין עבודת עבודה, (שיחות קודש ח"ב עמוד של"ט) אז עס איז באקאנט אז פון די דריי טעג פון פאר די יארצייט, און ביז דריי טעג פון נאך די יארצייט פון א צדיק, שיינט די ליכטיגקייט פונעם יארצייט פונעם צדיק, און מען קען פועל'ן.

עס איז דאס ווער עס האלט אז נאר איין טאג פאר די יארצייט, און איין טאג נאך די יארצייט, וואס אינאיינעם זענען זיי דריי טעג.

אין ספר נחלה לישראל (סימן נ"א) קלערט ער אריין, וואס איז ענדערש צו גיין צום ציון אין דריי טעג פאר די יארצייט, אדער אין די דריי טעג נאך די יארצייט, און קודם ברענגט ער ראיות אז די קדושה קומט שוין פון דריי טעג פריער, אזוי ווי מען זעט ביי קבלת התורה אז דריי טעג פריער איז שלשת ימי הגבלה, אבער למעשה פירט ער אויס, אז ביידע זמנים האבן די כח הקדושה, און מען קען גיין ווען עס קומט אויס בעסער.

**באמערקונג:**

מען זאגט נאך אז איינער וואס האט געהאט יארצייט אום שבת, האט געפרעגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע ווען ער זאל ענדערש גיין אין בית החיים, פרייטאג אדער זונטאג, האט ער אים געזאגט, אז ער זאל עדערש גיין פרייטאג, ווייל די נשמות ווארטן אז מען זאל קומען צו זייער קבר, דעריבער איז מער ניחא פאר די נשמות אז מען קומט ווי פריער.

לויט דעם קען זיין אז עס איז בעסער אז מען זאל גיין צום ציון הק' אין די דריי טעג פון פאר די יארצייט, כדי צו מאכן די נייחא פארן צדיק ווי פריער, איבערהויפט אז מען קען שוין געהאלפן ווערן פריער פארוואס זאל מען דאס אפשטופן אויף שפעטער.

### 4. גיין צו סיי וואס פאר א בית החיים

אויב מען קען נישט פארן ביים יארצייט צו דעם שטאט פונעם ציון, איז א ענין צו גיין צו סיי וואס פאר א בית החיים און דארט מתפלל זיין, ווייל אין יעדע בית החיים זענען דא הייליגע נשמות, און זיי טראגן ארויף די תפלות אין הימל (קב הישר פרק ע"א).

### דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל פועל'ן אלעס גוט'ס, בזכותם הגדול והקדוש, אנס"ו.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה כאשר צוה ה' את משה

רש"י הק' זאגט דערויף, מלמד שבחו של אהרן שלא שינה, פרעגן דאך אלע ספרים, וואס וויל דא רש"י ארויסברענגען מיט די ווערטער 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', וואס איז די חידוש אז אהרן הכהן האט נישט געטוישט פון די ציווי ה'.

די הייליגע באר מנחם זי"ע איז מסביר א טעם, אז ווען משה רבינו האט מקבל געווען די תורה מסיני, האט ער מקבל געווען כל פרטי' ודקדוקי' וכוונתי' הגנוזים בה, אלע סודות התורה, אבער ווען משה רבינו האט עס איבערגעגעבן פאר אהרן ובניו און דערנאך פאר אלע אידן, האט ער נישט מגלה געווען אלע סודות התורה, נאר יעדער האט דאס משיג געווען כפי מדרגתו, און ווען אהרן איז געגאנגען אנצינדן די מנורה האט ער משיג געווען אלע סודות וואס איז מרומז אין די מצוה.

און די באר מנחם ברענגט צו א מעשה, אז איינער פון די צדיקים האט געפרעגט די הייליגע רבי ר' זושא פאר די יו"ט חנוכה, צו ער האט שוין געלערנט די כוונת פון די נרות חנוכה, האט ער געענטפערט אז ער פירט זיך נישט צו לערנען די כוונת פאר יו"ט נאר בשעת'ן טון די מצוה איז ער דאס אליינס משיג.

פירט די באר מנחם אויס אז דאס שטייט דא אין פסוק, 'ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה' מיט אלע כוונת 'כאשר צוה ה' את משה' אז אהרן האט אלעס אינזינען געהאט דורך דעם וואס ער האט דאס אליינס משיג געווען, און דאס זאגט רש"י הק' 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', אז ער האט נישט געטוישט און נישט פארפעלט פון די אלע כוונות וואס זענען מרומז אין הדלקת הנרות.

*

די הייליגע של"ה הק' ענטפערט א אנדערע תירוץ, אז די מנורה האט געדארפט זיין מקשה אויסגעקלאפט פון איין שטיק, עד ירכה עד פרחה דאס וועזט אויף די מצוה פון אחדות, פון די גרעסטע ביז די קלעינסטע האלטן זיך צוזאמען, און רש"י קומט זאגן די גרויסקייט פון אהרן אז ער האט נישט געטוישט פון די מצוה נאר פארקערט ער איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום.

די הייליגע שמועה טובה זי"ע לייגט צו אויף דעם אז עס שטייט אין יבמות אז 'מותר לשנות מפני השלום', אבער דאך אן אמת'ער חכם וועט טרעפן א וועג נישט צו דארפן צוקומען צו זאגן ליגענט מפני השלום, און דאס איז געווען אהרן'ס עבודה וואס כאטש ער איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום, נאכאלץ תורת אמת היתה בפיהו, אז ער איז נאכאלץ געווען אן איש אמת, און וועגן דעם דא ביי די מנורה וואס דאס איז די עבודה פון שלום ואחדות, דא ברענגט רש"י ארויס אז מיט דעם אלעם 'לא שינה' מפני השלום, נאר ער האט אלעמאל געטראפן א וועג נאר צו רעדן אמת.

*

רביה"ק זי"ע זי"ע ברענגט אין פתג"ק, אז בשעת הרה"ק ר' הערש'לע זידיטשויב'ער האט אנגעהויבן צו ווערן באקאנט אויפ'ן וועלט האט הרה"ק ר' פייבוש הכהן מ'קאלשאוויץ זי"ע געהאט א איידעם וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער אים געשיקט מזכיר זיין ביי ר' הערש'לע זידיטשויב'ער, און ר' הערש'לע האט צוגעזאגט א ישועה, און ער האט געבעטן אז ווען די קינד וועט געבוירן ווערן, וויל ער זיין די סנדק ביים ברית, נאך א שטיק צייט איז געבוירן געווארן צו זיי א בן זכר, און מען האט פארשטייט זיך מכבד געווען ר' הערש'לע מיט סנדקאות.

נאכ'ן סעודת ברית האט ר' פייבוש געזאגט אז היות ער איז א כהן דארף ער בענטשן, האט ר' הערש'לע געזאגט אז ער דארף בענטשן ווייל ער קען די עבודת הכהונה פונקט ווי די כהנים אין בית המקדש, האט ר' פייבוש גע'טענה'ט אז למעשה אהרן הכהן ער האט געטון די עבודה, האט ר' הערש'לע געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט זיך אהרן הכהן נאך קומען לערנען ביי אונז, האט ר' פייבוש געזאגט אז רש"י זאגט דאך 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה' אז ער וועט נישט דארפן לערנען מער (שינה מלשון שונה הלכות), האט ר' הערש'לע געזאגט אז אונז לערנען 'שלא שינה' אז ער איז נישט געשלאפן, דאס הייסט אז ער איז מעורר אן עינא פקיחא אויף די אידן אז עס זאל זיין לא ינום ולא יישן שומר ישראל, ווייל דאס איז געווען די עבודת כהן גדול צו משפיע זיין השפעות פאר אידן, דעמאלטס האט ר' פייבוש מ'קאלשאוויץ מסכים געווען אז ר' הערש'לע דארף בענטשן.



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי ישכר בער מראדאשיץ זי"ע

*דעם היינטיגן שבת בהעלותך ח"י סיון הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן סבא קדישא פון ראדאשיץ, הרה"ק רבי ישכר בער בן רבי יצחק זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער ראדאשיצ'ער זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ה, צו זיין פאטער רבי יצחק. דער רבי יצחק איז געווען פון די משמשים ביים הייליגן מעזריטש'ער מגיד זי"ע, און דער מעזריטש'ער מגיד האט אים אנגעוואונטשן אז ער וועט האבן א הייליג קינד וואס וועט פארשיינען די וועלט מיט זיין קדושה.

מיט גרויס מסירות נפש פלעגט דער ראדאשיצ'ער ארומרייזן צו צדיקי הדור, און ווי ער האט זעלבסט געזאגט האט ער באזוכטביי הונדערט צוואנציג בעלי רוח הקודש. טראץ זיין אויסערגעווענדליכן דחקות און עניות, איז ער אנגעגאנגען מיט זיין העכערע עבודה, און די פשוטע המון עם וועלכע האבן נישט פארשטאנען זיין דערהויבענקייט האבן אים אנגערופן בערל בטלן', אמאל האט דער ראדאשיצ'ער נישט פארמאגט די 10 ברעקלעך פאר בדיקת חמץ, צוליב זיין גרויס ארימקייט וואס ער האט געליטן.

ווי ערוועגט האט דער מעזריטש'ער מגיד אנגעוואונטשן פאר זיין טאטע רבי יצחק, אז ער וועט אראפברענגען א הייליג זוהן, וואס וועט פארשיינען די וועלט מיט זיין גרויסע קדושה וואס ער וועט פארמאגן, אט אזוי איז טאקע געווען, דער ראדאשיצ'ער פלעגט זיך גאר שטארק אויסצייכענען מיט זיין מדריגת הקדושה. דער ראדאשיצ'ער פלעגט זיך אפט מאל טובל'ן אין מקוה, און מיט מסירות נפש פלעגט ער ברעכן די אייז אין די פראסטיגע ווינטער טעג זיך צו קענען טובל'ן, און דערמיט מתקן זיין תיקונים הקדושים.

פון צווישן די פילע רבי'ס וואו דער ראדאשיצ'ער האט זיך מסתופף געווען, און קונה געווען, זענען: דער חוזה פון לובלין, רבי משה לייב סאסוב'ער, רבי מענדל'ע מ'רימנוב, דער קאזניצ'ער מגיד, דער יהודי הקדוש, רבי מאיר מ'אפטא, דער אפטא רב, זכותם יגן עלינו.

דער ראדאשיצ'ער האט אנגעהויבן צו פירן אדמורו"ת נאך די פטירה פון דער אפטא רב, אין יאר תקפ"ה, צום ערשט אינעם שטאט ראדאשיץ, און אין יאר תקצ"א האט מען אים אויך אויפגענומען אינעם שטאט פשדבורז, אבער דער ראדאשיצ'ער איז פארבליבן וואוינען אין ראדאשיץ.

דער ראדאשיצ'ער איז נסתלק געווארן אום ערב שבת קודש, ח"י סיון תר"ג. זי"ע.

### דער בדחן ביים אויסטילא חתונה

דער בדחן ביים גרויסן רבי'שע אויסטילא חתונה איז געווען דער הייליגער ראדאשיצ'ער. דערציילט רביה"ק זי"ע אין עבו"ע:

ביי די גרויסע חתונה האבן זיך באטייליגט בערך הונדערט רבי'ס מיט ווייסע בעקיטשעס, דער אפטא רב זי"ע איז געווען בראש המסובין זייענדיג א זיידע פונעם חתן, ווען דער אפטא רב איז נאכן חתונה אריין אין זיין צימער, האט ער זיך אנגערופן מיט א צובראכן הארץ, ווי טראכטענדיג צו זיך, 'איך האב זייער מורא אז מיט די גאנצע כבוד היינט האט מיר דער באשעפער אפגעצאלט מיין חלק אין עולם הבא', האט דער ראדאשיצ'ער וואס איז אנוועזענד געווען געענטפערט פארן אפטא רב וועלנדיג אים אביסל אויפהייטערן, זאגענדיג: 'לויט וויאזוי דער רבי לערנט אונז די גרויסע מדות פונעם באשעפער, גלייב איך נישט אז דער באשעפער האט אזוי געטועט צום רבי'ן, און מיט דעם כבוד אפגעצאלט די חלק אין עולם הבא'. ווען דער אפטא רב האט דאס געהערט פונעם ראדאשיצ'ער האט ער זיך בארואיגט.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ב - רט"ז)

### קיים את הילד הזה

נישט ווייט פון לובלין האט געוואוינט א איד נחום. דער נחום האט געהאט א שווערע צרה וועלכע איז אים באפאלן, די קינדער וואס זענען ביי אים געבוירן געווארן, האבן נישט איבערגעלעבט זייער ברית, עטליכע קינדער זענען ביי אים אוועק פון די וועלט, נאכן זיי אריינברענגען בבריתו של אברהם אבינו ע"ה.

ווען עס איז צו ר' נחום נאכאמאל געבוירן געווארן א יונגל, איז ער אריינגעגאנגען צום הייליגן חוזה פון לובלין און זיך מזכיר געווען מיט טייכן טרערן, 'רבי, העלפט מיר אז כ'זאל קענען אריינברענגען מיין זון תחת כנפי השכינה, מיט'ן מקיים זיין די מצוה פון ברית מילה, און עס זאל אים גארנישט שאדן'.

דער הייליגער חוזה האט אים געזאגט: 'אויב מיין תלמיד רבי בערל – מיינענדיג דעם ראדאשיצ'ער, וועט זיין דער סנדק פונעם קינד ביים ברית וועט דאס קינד איבערלעבן דעם ברית, און אלעס וועט זיין מסודר מיט דעם קינד'.

אין יענע צייט איז דער הייליגער ראדאשיצ'ער נאכנישט געווען באקאנט פאר א צדיק און פועל ישועות, ער פלעגט נאך אויסבאהאלטן זיין גרויסקייט פון מענטשן, דעריבער האט ר' נחום געוואוסט אז עס וועט אים נישט אזוי לייכט אנקומען אז דער ראדאשיצ'ער זאל אננעמען צו זיין סנדק, נאכדערצו אויב ער וועט וויסן אז דורך אים דארף ארויסקומען א מופת מיט'ן קינד. דעריבער, איז ר' נחום געגאנגען צום הייליגן יהודי הקדוש פון פרשיסחא זי"ע, וועלכער איז איז אויך געווען פון די הייליגע תלמידים פונעם חוזה, און ער האט געבעטן אז דער יהודי הקדוש זאל אויס'פועל'ן ביים ראדאשיצ'ער אז ער זאל זיין סנדק אויפ'ן ברית פון זיין ניי געבוירן קינד.

דער יהודי הק' האט געזאגט פאר ר' נחום אז ער וועט אים צוליב טון.

קומענדיג די נאכט פאר'ן ברית, איז דער יהודי הק' געקומען צום הייליגן ראדאשיצ'ער און אים געזאגט אז ער דארף ארויספארן צו א ברית פון א איד, וואו מען דארף אויפטון גרויסע זאכן און ער האט אים געבעטן אז ער זאל מיט אים מיטפארן. דער ראדאשיצ'ער האט מסכים געווען - נישט וואוסענדיג אז מען ווארט טאקע אז דווקא ער זאל אויפטון גרויסע זאכן.

ווען מען האט אריינגעברענגט דאס קינד צום ברית, האט זיך דער יהודי הק' געוואנדן צום ראדאשיצ'ער און געזאגט:

'ר' בערל, אצינד וועל איך אייך זאגן, וואס איז די גרויסע זאך וואס מען דארף דא אויפטון, איך וועט דא זיין דער סנדק, און אזוי ווי איך גיב אייך איבער א לעבעדיגע קינד, זאלט איר צוריקגעבן דאס קינד לעבעדיג'.

דער ראדאשיצער האט זיך אנגעהויבן טענה'ן אז ער ווייסט נישט וואס ער וויל פון אים, און ער איז נישט ראוי צו זיין סנדק.

אבער דער יהודי הק' האט אים געזאגט אז דער רבי פון לובלין זי"ע האט געהייסן אז ער זאל זיין סנדק, האט דער ראדאשיצ'ער בלית ברירה מסכים געווען.

בשעת די ברית זענען צוויי טראפן פון הייסע טרערן געפאלסן פון די הייליגע אויגן פונעם ראדאשיצ'ער, די טרערן האבן נאכאנאנד געוואשן דאס פנימ'ל פונעם רך הנימול און די בלוט האט זיך אפגעשטעלט.

נאכ'ן ברית האט דער ראדאשיצ'ער געוואונטשן 'מזל טוב' פאר'ן אבי הבן און אים געזאגט אז עס איז שוין נישט דא אויף וואס זיך צו זארגן.

בשעת די הייליגע צדיקים זענען געזיצן ביי די סעודת הברית, איז די מאמע פונעם קינד אריינגעלאפן מיט א יאמערליכן געוויין, אז עס האט זיך ווידער גענומען שטראמען בלוט פונעם קינד און אט אט גייט ער אויס, אזוי ווי זיינע עלטערער ברודער.

דער הייליגער ראדאשיצ'ער האט צוגעמאכט זיינע אויגן און זיך שטארק פאר'דביקות'ט פאר עטליכע מינוט, און דערנאך זיך אנגערופן "זייט רואיג אלעס וועט זיין גוט".

אזוי איז טאקע געווען דאס קינד האט מאריך ימים ושנים געווען געזונטערהייט.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**




# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ח סיון | הרה"ק רבי יששכר בער בן רבי יצחק זי"ע - מ'ראדאשיץ | תר"ג |
| כ"א סיון | הרה"ק רבי שלמה בן רבי אלעזר זי"ע - מ'מונקאטש - שם שלמה | תרנ"ג |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"ח סיון | האשה החשובה מרת שפרה ליבא בת ר' דוד יודא ע"ה זוסמאן<br>אשת הרה"ח ר' בנימין זאב ע"ה משב"ק | תשס"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ט סיון | הרב החסיד ר' יצחק בן הרה"ג ר' עוזר הכהן ע"ה פריעד | תשנ"ו | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ד סיון | האשה החשובה מרת לאה בת ר' יששכר יודא ע"ה קאהן<br>אשת הרה"ח ר' חיים אביגדור ע"ה | | |

Kollel Meier Hachaim Of tosh

כולל ערב מאיר החיים ד' טאהש

## ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת

יעלה שפתינו תהלות, קדם מעלת כבוד, האי גברא יקירא, ראשון הוא למקראי קודש בכל עת ועדנים, ידידינו הנכבד, רודף צדקה וחסד, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מעוטר ומוכתר בכל מעלה ומדה נכונה, יקר שבערכין, ה"ה

**הרה"ח יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א**

מגדולי תומכי כוללינו

אשר כטוב לבו נדב

## זכות פרנס החודש

לעילוי נשמת אביו

הרה"ח רבי **חיים נחום** ב"ר **יהודה** ז"ל

ולרגל שמחת נישואי נכדתו למז"ט ובשעטו"מ

יהא רעוא קדם נותן התורה שיתברך בכל מילי דמיטב, בניו כשתילי זתים סביב לשלחנו באנפין נהירין, מתוך בריות גופא אושר ועושר כל הימים ושנים, בנים ובני בנים בתורה ובמצות עוסקים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

המברכים מעומק הלב

הנהלת הכולל

---

Kollel Meier Hachaim Of tosh

כולל ערב מאיר החיים ד' טאהש

## מודעה חשובה

הננו בזה להודיע לכל חברי כוללינו

אשר מן היום והלאה צריך כל אחד

**להרשים את עצמו**

בלוח המיוחדת

כדי לקבל תשלומי הכולל

יכולין לקבל הלוח מאת הגבאי הכולל

מו"ה משה אהרן מערמעלשטיין הי"ו

וצריך להחזיר הלוח בכל שתי שבועות ביום א'

ותקותינו איתנה שנזכה להרים קרן התורה בין כותלי הביהמ"ד, ברוב אונים ואמיץ כח, אנס"ו.

בכבוד רב

הנהלת הכולל



# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע

**לקראת די מסע הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א צום עיר האבות טאהש אונגארן לקראת היומא דהילולא קדישא כ"ח סיון הבעל"ט**

## הרה"ח ר' אהרן קרויס שליט"א

**זכרונות פון די ערשטע מסע הקודש דורך מרן רביה"ק זי"ע בשנת תשל"א לפ"ק**

### די געהויבענע נסיעה

די לעכטיגע נסיעה פון תשל"א איז געווען זייער א געהויבענע און לעכטיגע איבערלעבעניש. מען רעדט דא פון א נסיעה פון כמעט זעקס וואכן, עס האט זיך דעמאלטס אזוי געפירט אלעס אן קיין אפיציעל באשטימטע פלאן פון פאראויס, נאר מען האט זיך געלאזט פירן פון אויבן.

אנגעהויבן האט זיך עס, ווען אין איינע פון די טעג נאך שבועות יענעם יאר, איז אריינגעקומען צום הייליג'ן רבי'ן איינע פון די חשובי העדה פון שטעטל, און האט שטארק מפציר געווען פאר א געוויסע ישועה וואס ער האט געדארפט. דער רבי האט אים שוין געהאט געגעבן זיין ברכה, אבער ער האט נאכנישט געזען די ישועה.

ער האט אזוי ווייט מפציר געווען, אז דער רבי האט זיך אנגערופן, 'אפשר אז איך וועל פארן צום זיידן וועט ער מיר צוהעלפן'.

דער איד, זייענדיג אזוי שטארק אנגעוויזן אויף א ישועה, האט זיך אריינגעלייגט דערין בלב ונפש, און ער האט באוויזן מסדר צו זיין די נסיעה. אין יענע יארן איז נסיעה געווען גאר ווייט פון וואס מען רעדט היינט. עס איז געווען אין די צייטן ווען אונגארן איז געווען אונטער די קאמוניסטישע רעזשים, מען האט געדארפט מסדר זיין א וויזא; מיטברענגען עסן; מסדר זיין וואו מען גייט זיין יעדן טאג; עס איז נאך בכלל נישט געווען קיין הכנסת אורחים'ס אויף די לענג און די ברייט פון אייראפע, עס איז געווען זייער שווער בגוף ובנפש צו אונטערנעמען אזא נסיעה, אבער דער רבי האט געהאט שטארק חשק צו זיין ביי די יארצייט, און דער איד האט זיך גענומען צו די עבודה.

איך בין דאן געווען פון די משמשים בקודש פנימה זייענדיג דער הויז בחור, אזוי ארום בין איך מיטגעפארן אויף די נסיעה. עס זענען דאן מיטגעקומען א ענגע קבוצה פון מקורבים, צווישן זיי דעם רבי'נס זון הרה"צ רבי מרדכי זצ"ל, און יבלחט"א דעם רבי'נס איידעמער כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א. ווי אויך הרה"ח ר' בנימין זאב זוסמאן ז"ל, יד ימינו פונעם רבי'ן, הרה"ח ר' אשר ענזיל קרויס ע"ה מיט זיין זון, זיי האבן זיך אפגעגעבן צו צושטעלן די מאכלים דורכאויס די נסיעה. הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו, הרה"ח ר' ישעי' פאוועל ע"ה פון מאנטריאל וואס דער רבי האט אים געבעטן אז ער זאל מיטקומען, און הרה"ח רבי משה האפפמאן ע"ה פון ניו יארק.

מען איז ארויסגעפארן מוצאי שבת, דער פליגער איז בעצם געווען געסקעדזשול"ט ארויסצופארן שבת נאכמיטאג, אבער מיט גרויס פראטעקציע האט מען גע'פועל'ט אז מען זאל עס אויפהאלטן ביז מוצאי שבת.

### אין טאהש

דער רבי האט געדאווענט שחרית אויפ'ן פליגער. נאכ'ן אנקומען קיין פעסט, איז דער רבי געגאנגען דאווענען מנחה מיט די רבינו תם תפילין אינעם ארטיגן בית המדרש. די אידן דארט זענען ליידער געווען זייער אומוויסענד, אויפוואקסנדיג אונטער די קאמוניסטישע פירערשאפט. ווען זיי האבן געזען דעם רבי'ן אנגעטוען מיט תפילין האט איינער פון זיי געפרעגט 'דאס טוט מען אן פארנאכטס? מיר טוען עס אן אינדערפרי!', זיי האבן נישט געהאט קיין אהנונג וואס דאס מיינט רבינו תם תפילין, און די הלכות פון תפילין, אזוי האבן מיר גלייך אנהייב געזען מיט די אויגן די חורבן הדת וואס איז שוין געווען ביי די אידן וואס זענען נאך יא געקומען אין בית המדרש.

שפעט שפעט נאכמיטאג זענען מיר אנגעקומען קיין טאהש. מען איז צוגעגאנגען צום ציון אריינצוכאפן תהלים ביום היארצייט, מען האט אויסגעזאגט א גרויסע חלק פון תהלים, און ווען עס איז געווארן נאכט האט מען געדאווענט מעריב.

צומארגנס איז דער רבי נאכאמאל צוריקגעגאנגען צום ציון פונעם סבא קדישא זי"ע, און אויסגעזאגט גאנץ תהלים, עס האט גענומען גאר א לאנגע צייט, נאכדעם איז מען צוריקגעגאנגען צו די אכסניא. צומארגנס, אויפ'ן דריטן טאג פון די נסיעה, איז דער רבי צוריקגעגאנגען צום ציון פונעם שרף זי"ע, און עקסטער אויסגעזאגט גאנץ תהלים ביי זיין ציון. אזוי זענען מיר געווען בלויז אין טאהש די ערשטע דריי טעג פון די נסיעה.

**אויב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"י**
**אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן**
**ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש**
**718-451-8674 און דרוקט 842**

נאכדעם איז מען יעדן טאג געפארן ערגעץ אנדערש. מען איז געפארן קיין קאלוב, אוהעל, קערעסטיר און ליסקא. יעדן טאג האט מען גענעכטיגט אינעם באס אין נירעדהאז, דארט איז געווען אזויווי אונזער סטעישאן, דארט אין נירעדהאז איז אויך געווען א מקוה וואס מיר האבן גענוצט יעדן טאג, און אינדערפרי האט דער רבי געזאגט וואו ער וויל היינט גיין, מען איז אהינגעפארן, אויסגעזאגט תהלים, און צוריקגעפארן קיין נירעדהאז.

דער הייליגער רבי האט מקפיד געווען אויסצוזאגן גאנץ תהלים ביי יעדן ציון, זיך אויסדרוקענדיג, 'איך קום נישט דא אויף א וויזיט, אויב וויל איך זיך מקשר זיין מיט'ן צדיק נעמט עס כאטש האלב תהלים, און ווען איך האלט שוין דארט זאל איך עפעס אוועקגיין?' דער רבי איז נישט 'צוגעגאנגען' צו א ציון, אפילו אויב עס איז געווען גאנץ נאנט צו וואו מען איז געווען, ווייל ער האט געוואלט 'זיין' ביי יעדן ציון.

## קיין ארץ ישראל

דאנערשטאג, ווען מען האט געדארפט אהיימפארן לויט'ן פלאן, האט דער איד וואס האט ארגאניזירט די נסיעה געבעטן דעם רבי'ן, אז היות ער האט נאכנישט געזען זיין אויסגעבעטענע ישועה, זאל דער רבי ממשיך זיין די נסיעה קיין ארץ ישראל, דער רבי האט מסכים געווען, און עס איז אויפ'ן פלאץ געווארן די נסיעה קיין ארצינו הקדושה. טייל פון די משתתפים זענען אהיימגעפארן, און איך מיט נאך געציילטע אידן זענען מיטגעפארן קיין ארץ ישראל.

פרייטאג אינדערפרי זענען מיר שוין געווען אין ירושלים עיה"ק, דער רבי האט געהאט זיין אכסניא ביי זיין שוואגער הרה"ח רבי יצחק וויינגארטען ע"ה. און דעם רבי'נס שווער, הרה"צ רבי יודא'לע וויינגארטען ז"ל, איז געקומען דאווענען שחרית מיט'ן רבי'ן, אבער כאטש זיי האבן זיך שוין נישט געזען פאר אזויפיל יארן, האבן זיי זיך נישט געגעבן קיין שלום ביז נאכ'ן דאווענען.

יענע שבת פרשת קרח איז געפראוועט געווארן אין די 'בניני זופניק' אויף גאר א געהויבענע פארנעם. עס זענען געקומען צו די תפילות און טישן הונדערטער אידן, גאנץ ירושלים איז אויף געווען מיט דעם רבי'נס באזוך. עס זענען געקומען די אלטע קאסאנ'ע חסידים, און אנדערע וואס האבן שוין געהאט געהערט פון דעם רבי'נס גדלות.

מען האט געהאט גערעדט פאר שבת צווישן אונז, אז לכאורה וועלן קומען אסאך מענטשן, אבער יעדער וועט קומען פאר עטליכע מינוט, קוקן אביסל, און גיין ווייטער, למעשה, ווער עס איז נאר אריינגעקומען, איז געבליבן שטיין פארגליווערט. כאטש ירושלים של מעלה פון יענע יארן איז געווען פול מיט ערליכע אידן, עובדי ה' באמת, האט מען אבער אזא עבודה נאכנישט געהאט געזען דארט, די שמות, ברכות, זמירות האט אזוי איבערגענומען די אידן אז ווער עס איז אריין איז דארט געבליבן ביז'ן סוף.

שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען איז דער רבי געגאנגען קידוש מאכן אין שטוב פון זיין געהויבענעם שווער, און נאכדעם איז די רבי אריינגעקומען צום מיטאג טיש אין בית המדרש, די גאנצע שבת האט דער רבי געפראוועט גענוי ווי אלע שבתים, סיי מיט די מנהגים און סיי מיט די זמנים, אן קיין שום שינוי פון זיין סדר פון די שבתים אין שטעטל.

## אין מירון

דער רבי האט נישט געוואלט זיין אין די היימישע שטעט דורכאויס די וואכנטעג, זאגנדיג אז ער איז אהערגעקומען צו די ציונים פון די צדיקים און ער האט נישט קיין צייט אויפצונעמען מענטשן. אזוי זענען מיר זונטאג ארויסגעפארן קיין מירון. אין מירון איז מען געווען א גאנצע וואך, דאס איז יעצט געווארן אונזער סטאנציע, דארט זענען מיר געשלאפן יעדן טאג, דארט האט מען געדאווענט, און איבער'ן טאג איז מען ארומגעפארן צו די ציונים ארום.

זונטאג איז געווען רבי' שמעון'ס טאג, כאטש דער רבי האט געווענליך נישט געזאגט מער ווי איינמאל תהלים אין א טאג, האט ער אבער יעצט - אין מירון - יא געזאגט דריי מאל אין איין טאג! עס איז געגאנגען תהלים - שחרית, תהלים - מנחה, תהלים - מעריב, אזוי איז געווען זונטאג, נאכדעם איז מען ארומגעפארן. איך האב געמאכט א חשבון אז דער רבי האט אין מירון אויסגעזאגט צען מאל תהלים!

דאנערשטאג - ט"ו תמוז - איז געווען די יארצייט פונעם הייליגן אור החיים הקדוש זי"ע, דער רבי איז אריינגעפארן קיין ירושלים מיטוואך נאכט, מען איז אנגעקומען צום ציון בערך 12 אזייגער אינמיטן די נאכט, און ביז מען האט מסדר געווען לעקטער צו קענען זאגן תהלים איז שוין געווען ארום איינס אזייגער.

דער הייליגער רבי האט אנגעהויבן תהלים מיט א זעלטענע קאך, כידוע זיין דביקות אינעם הייליגן אור החיים הקדוש, און געזאגט זייער שטאַט, אזוי אז איך געדענק נישט נאכאמאל אזא שטאטע תהלים. ווען די אידן פון ירושלים האבן אנגעהויבן צו קומען אין די פארטאגס שעה'ן האט נאך דער רבי געהאלטן אינמיטן, יעדער האט זיך מיטגעכאפט מיט'ן רבי'ן און עס איז געווען א געוואלדיגע התעוררות.

דער רבי איז דעמאלטס אריבער אין שטוב פון הרה"ח ר' יצחק וויינגארטן ע"ה צו פראווענען א יארצייט סעודה, (כאטש דער רבי האט נאך אין יענע יארן נישט געפראוועט אין שטעטל די יערליכע יארצייט סעודה).

אויף שבת בלק איז מען געווען אין מירון, עס איז געווען א אויסטערלישע דערהויבענע שבת, דעמאלטס איז אויך דארט געווען הגה"צ אב"ד מירון זצ"ל, שפעטערדיגער מחותן מיט'ן רבי'ן.

פאר'ן דאווענען קבלת שבת פרייטאג צונאכטס, האט דער רבי זיך אויסגעדרייט צו אונז און ער האט געזאגט אז ער וועט נישט אוועקגיין פונעם עמוד, אבער פאר כגוונא זאלן מיר מאכן א רינג און טאנצן בר יוחאי כנהוג אין מירון.

סיי די תפילות און סיי די טישן האט דער רבי געפראוועט אין די מערה ביי רבי שמעון.

אינטערסאנט צו באמערקן, איז אז די גאנצע צייט וואס מען האט זיך אופגעהאלטן אין מירון, איז דער רבי געשלאפן ביינאכט אויף א באנק אין די מערה, די רבי איז געשלאפן געציילטע שעות א נאכט, און אזוי אנגעגאנגען מיט די עבודת הקודש. כאטש אין מירון האט געוואוינט הרה"ח ר' יצחק ווייסהויז ע"ה, וואס ער איז געווען א טאהש'ער חסיד פונדערהיים, איז אבער דער רבי נישט געגאנגען איינשטיין ביי אים, נאר געבליבן אין די מערה, דער רבי איז נאר אהינגעגאנגען צום אויספאסטן מוצאי שבעה עשר בתמוז, וואס איז געווען יענעם זונטאג פ' פנחס (עס איז געווען א נדחה).

## די ווייטערדיגע נסיעה אויף מקומות הק' אין ארץ ישראל

מיר זענען אזוי ווייטער כסדר געפארן יעדן טאג צו נאך א ציון. אויף די שבתים איז דער רבי געפארן צו די אידישע שטעט. שבת פרשת פנחס איז דער רבי געווען אין בני ברק, און אויף שבת מטות מסעי אין צפת.

יענעם שבת וואס דער רבי איז געווען אין בני ברק האט דער הייליגער אמרי חיים זי"ע נישט געפירט קיין טיש, איז דער גאנצער וויזשניצ'ער ציבור געקומען צום רבי'ן, עס איז געווען אזא ציבור אז דער עירקאנדישאן האט זיך איבערגעארבעט, און עס איז געווארן א בלעקאוט אויפ'ן פלאץ...

זונטאג איז דער רבי געגאנגען באזוכן דעם ווישזניצ'ער רבי און זיין זון די ישועות משה זצ"ל, וואס איז דאן געווען דער רב און ראש ישיבה אין ווישזניץ.

אין ירושלים איז דער רבי געגאנגען באזוכן כ"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל, און כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, ביים תולדות אהרן'ע רבי, האט דער רבי געבעטן אויב ער קען אים געבן די מעגליכקייט מפריש צו זיין תרומות און מעשרות, און דער תולדות אהרן'ע רבי האט אים געברענגט א פרישע טאץ פירות, דעמאלטס האט דער הייליגע רבי בדחילו ורחימו מפריש געווען תרומות און מעשרות פון די פירות.

## ביים תנא רבי עקיבא

ווען דער רבי איז געווען אין מירון, האט ער מיר אויפגעוועקט איין פארטאגס, ארום פיר אזייגער, און געזאגט אז ער וויל גיין צו רבי עקיבא. ער האט דוקא געוואלט גיין אליין. ווען מען איז אנגעקומען דארט האט ער מיר אפילו אוועקגעשיקט, איך זאל גיין אביסל ארויפציר, זאגנדיג 'גיי שרייב קוויטלעך דארט', עפעס וואס ער האט נישט געטוען ערגעץ אנדערש, איך האב געזען קלאר אז ער וויל זיין ביי רבי עקיבא אליין, ומי יעמוד בסוד קדושים.

## ביים הייליגן רמח"ל

ווען מיר זענען געגאנגען צום ציון פונעם רמח"ל, האט דער רבי זיך אנגערופן צו מיר, 'כאטש מען האט עס נישט געלערנט ביי אונז, נעם איך מיך יעצט אונטער עס צו לערנען', און מען איז געגאנגען צו זיין הייליגן ציון צו מתפלל זיין. עס האט זיך אזוי פארשטאנען אז כדי צו קענען האבן א שייכות מיט א צדיק ווען מען גייט צו זיין ציון, דארף מען האבן שייכות אויך מיט זיין תורה, כדי מקיים צו זיין דעם 'כשאומרים דבר שמועה מפיו שפתותיו דובבות בקבר'. דעם קומענדיגן שבת ביי שלש סעודות האט דער רבי טאקע צום ערשטן מאל נאכגעזאגט פונעם ספר מסילת ישרים.

## ביים ציון פונעם רמב"ם

דער רבי האט אויך געהאט א גרויסע תשוקה צו זיין ביים הייליגן רמב"ם, אבער למעשה איז דער רבי נאר דארט געווען פאר עטליכע מינוט, ווען נאכ'ן זאגן אפאר קאפיטלעך תהלים זענען אנגעקומען אזעלכע מיט וועם דער רבי האט נישט געוואלט זיין צוזאמען, האט ער זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען, כאטש דארט נעבן איז אויך דער ציון פון הייליגן של"ה הק', האט דער רבי נישט געוואלט דארט בלייבן.

## ביים אריה"ק

אין צפת איז דער רבי געגאנגען צום ציון פונעם הייליגן אריה"ק ביומא דהילולא רבא, אין ה' אב, דער רבי האט אויסגעזאגט תהלים א גאנצע נאכט (דער רבי פלעגט גיין צום ציון ביינאכט, און אפילו געזאגט תהלים, אויב עס איז געווען אין די טאג פונעם יארצייט). אינדערפרי איז דער רבי געגאנגען אין די 'מקוה אר"י' און געדאוונט שחרית אין די שול פונעם אריה"ק נעבן די בית החיים.

## רבי מאיר בעל הנס

אסאך צייט האט דער רבי פארברענגט ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריא, דער רבי איז דארט געווען עטליכע טעג, און יעדן טאג אויסגעזאגט תהלים, מען האט געזען אז דער רבי פילט עפעס א באזונדערע קשר צו דעם תנא, געשלאפן יענע טעג איז מען אינעם אויבערשטן שטאק העכערן ציון, און אזוי האט מען געפראוועט די טעג און נעכט מיט דערהויבנקייט, כאטש עס איז כמעט נישט געווען דארט וואס צו עסן.

## אויפ'ן וועג אהיים

דאנערשטאג פרשת דברים זענען מיר צוריק אהיימגעפארן קיין טאהש, אנגעפילט מיט התרגשות דקדושה און פולע זעק דערהויבנקייט, נאכ'ן מיטלעבן די געהויבענע מינוטן ווען דער רבי האט זיך מקשר מיט די צדיקי הדורות בארץ ובגולה. דער רבי האט יענעם אינדערפרי, אין א גאר זעלטענע אויסנאם, געדאוונט ותיקין.

אויף מנחה זענען מיר שוין געווען אין טאהש, דער רבי האט געדאוונט מנחה מיט די רבינו תם תפילין און געזאגט דעם ספר תהלים. (דער רבי האט אין יענע יארן געזאגט נאר איין ספר יעדן טאג, און אפילו שבת אויך געזאגט ווייטער וואו ער האט געהאלטן, ערשט שפעטער האט מען אנגעהויבן צו זאגן יעדן טאג גאנץ תהלים).

*

איך וויל צולייגן מיין ברכת הדיוט, זיך גרייטנדיג צום גרויסן נסיעה, קה זכות אבות יגן עלינו, מען זאל טאקע אויסבעטן אלעס גוטס.

# סדרי ופרטי מסע הקודש געווארן באשטעטיגט בעז"ה

## זונטאג פר' קרח ביינאכט, כ"ז סיון:

מ'וועט ארויספארן בע"ה זונטאג קרח בשעה 8:00 פארנאכטס בשעטומ"צ פון דעם פריוואטן אלבאני עירפארט.

מ'האט בס"ד ערלעדיגט אז מ'וועט תיכף קענען ארויפגיין אויפן פליגער און דארפן זיך באנוצן מיטן עירפארט.

אויפן פליגער וועט סערווירט ווערן א נאראהאפטיגע היימישע נאכטמאל.

## מאנטאג פר' קרח בייטאג, אור"י כ"ח סיון:

נאך תפלת שחרית אויפן פליגער וועט סערווירט ווערן א נאראהאפטיגע היימישע פרישטאג.

אנקומענדיג קיין בודאפעסט אונגארן, 1:00 מיטאג צייט, וועלן אפווארטן באקוועמע באסעס וועלכע וועלן פירן דעם ציבור קיין טאהש, אונגארן.

אויף אלע באסעס וועט זיין צוגעשטעלט א נאראהאפטיגע ווארימע מיטאג.

ס'וועט זיין א מעגליכקייט צו פארן גלייך קיין טאהש אן קיין סטאפס ביי קברי צדיקים, וואו מ'וועט אנקומען בערך 4:00 נאכמיטאג אין טאהש, אונגארן.

די איבריגע באסעס וועלן אויפן וועג זיך אפשטעלן אין ראצפערט, וואו מ'וועט מתפלל זיין ביים ציון פון הרה"ק רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע, וועלכע פלעגט זיך כסדר מסתופף זיין בצל קדשו פון בעל הילולא רבינו השרף זי"ע, און מ'וועט גיין דארט אין א ווארימע מקוה.

דערנאך וועט מען זיך אפשטעלן אין קאלוב מתפלל זיין ביי די ציונים הקדושים פון הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע און הרה"ק בעל באר מנחם זי"ע חדב"נ בעל הילולא זי"ע ורבו של רביה"ק זי"ע.

לענגאויס די נסיעה וועט מען צופארן - לויט די צייט מעגליכקייט - מתפלל זיין ביי נאך מקומות הקדושים.

אויף די באסעס - און אזוי אויך לענגאויס די גאנצע נסיעה - וועט זיין צוגעשטעלט בע"ה טעימה שתי' מזונות און ווארעמע קאווע טיי להחיות בהם נפש כל חי בהרחבה גדולה.

ס'וועט נאכפארן א טרעילאר מיט א אויסוואל פון היימישע עסן, און וועט כסדר אנפולן די באסעס לויטן געברויך.

אנקומענדיג צום עיר האבות המקודש טאהש, 6:00 פארנאכטס, וועט זיין בעז"ה צוגעשטעלט טעימה רחבה מכל טוב אינעם ספעציעלן טענט בחצר הקודש.

עס וועט זיין צוגעשטעלט א באזונדערע ספעציעלע טענט מיט סעקיוריטי לשמירת חפצים בחצר הקודש.

ס'וועט זיין צוגעשטעלט כסדר שאטעלס פארן ציבור צו פארן צום גערטל און צוריק צום חצר הקודש, וועלכע איז ארום א וועג פון 8-10 מינוט שפאצירן.

בערך 7:00 וועט פארקומען דער התרגשות'דיגער מעמד "התחדשות הגערטל" ובקשת רחמים, וואו מ'וועט זאגן מזמורי תהלים אין דעם ספעציעלן שאטער וועלכע איז אויפגעשטעלט אינעם מקום המסוגל לישועות "גערטל" בראשות כ"ק רבינו שליט"א לפעול דבר ישועה ורחמים בעד בית ישראל.

צוליב דעם וואס תפלת שחרית מאנטאג אינדערפרי וועט מען דאווענען אויפן פליגער, וועט זיין צוגעשטעלט צו הערן קריאת התורה אינעם שאטער.

## ליל הילולא קדישא, כ"ח סיון

תפלת מנחה 9:20, באלד דערנאך תפלת מעריב אין דעם גרויסן שאטער

בחצר הקודש.

תיכף נאך תפלת מעריב וועט סערווירט ווערן א ברייטע סעודת הילולא פארן ציבור.

בשעה 10:45 וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א מעריך זיין שלחנו הטהור לכבוד ההילולא פון זקינו רבינו השרף זי"ע.

הושענא ציון המצוינת: כחצות הלילה בשעה 12:33 וועט רבינו שליט"א ארויסגיין צום ציון הקדוש ברוב עם הדרת מלך און אויסזאגן ספר תהלים ביים בעל הילולא זי"ע.

דערנאך וועט מען מתפלל זיין ביים אהל הקדוש פון בנו רבינו הסב"ק זי"ע צו זאגן מזמורי תהלים בהאי עת רצון.

## דינסטאג פר' קרח צופרי, יומדהל"ק כ"ח סיון:

מקוה וקאווע וועט זיין צוגעשטעלט אין בנין חצר הקודש.

מ'וועט אינאיינעם דאווענען א התעוררות'דיגע תפלת שחרית כוותיקין, באתרא דמר ביומא דהילולא קדישא, אינעם גרויסן שאטער בראשות כ"ק רבינו שליט"א, בשעה 3:55 ברכות.

נאך שחרית וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א פראווען א דערהויבענע מסיבת לחיים לכבוד ההילולא קדישא.

בשעה 6:00 וועט מען ארויספארן מיט ספעציעלע באסעס אויפן וועג קיין ליזענסק צום הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע.

ס'וועט זיין א אפציע צוגעשטעלט פאר ווער עס וויל פארן גלייך קיין ליזענסק, וועלכע וועט אנקומען בשעה 1:00 מיטאג. און ס'וועט זיין צוגעשטעלט פרישטאג אויפ'ן באס.

די אנדערע באסעס וועלן זיך אפשטעלן אויפן וועג אין קערעסטיר, וואו ס'וועט זיין צוגעשטעלט א ברייטע פרישטאג פארן ציבור, און מ'וועט מתפלל זיין ביים ציון הקדוש.

דערנאך וועט מען ארויספארן קיין דינוב, פוילן וואו מ'וועט אנקומען ב ע ר ך




2:30 מיטאג, און ס'וועט זיין צוגעשטעלט א מיטאג להנאת הציבור, און מ'וועט מתפלל זיין ביים ציון הקדוש.

דורכאויס די צייט וועט מען זיך אפשטעלן מתפלל זיין ביי מקומות הקדושים לויט די צייט מעגליכקייט.

אנקומענדיג אין ליזענסק וועט זיין צוגעשטעלט בע"ה אויסוואל פון טעימה חמה.

בשעה 7:00 פארנאכטס וועט רבינו שליט"א אויסזאגן ספר תהלים ברוב עם ביים ציון הקדוש פון זקינו הרבי ר' אלימלך זי"ע.

בשעה 9:29 וועט מען דאווענען מנחה און דערנאך תפלת מעריב בראשות רבינו שליט"א אינעם היכל אקעגן איבער דעם ציון הקדוש.

דערנאך וועט סערווירט ווערן א ברייטע סעודת נאכטמאל לכל הקהל.

מ'וועט מען זיך ארויסלאזן אויפן וועג אהיים, בשעה 11:30 צום ריישא ע'ירפארט.

בערך 2:00 ביינאכט, וועט מען אפליען קיין ניו יארק אנגעפילט מיט זעק מיט ישועות ורפואות לנו ולכל בית ישראל.

עס וועט זיין צוגעשטעלט היימישע עסן פאר ציבור אויפן טשארטער.

מ'וועט בעז"ה לאנדען אין אלבאני מיטוואך צופרי 5:00 פארטאגס.

מ'וועט קענען דאווענען תפלת שחרית אין די טערמינעל (וועלכע וועט זיין ליידיג אין די צייט), אדער וועט מען קענען גלייך פארן למחוז חפצם מיט די באסעס. ס'וועט זיין צוגעשטעלט פרישטאג פעקלעך בע"ה.

תושבי קריתינו הק' וועלן אנקומען צוריק קיין קרית טאהש בערך 11:00 - 12:00 געוואנדן אין די גרעני'ץ.

## ה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום פועלט אלעס גוטס

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

קול ששון - וקול שמחה - קול חתן - וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
יהודה אריה נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
אלישבע תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר וימלא כבוד ה' את כל הארץ (שלח)
כ"ב סיון תשפ"ה הבעל"ט
(ולמספרם JUNE 18)

קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30
שמחת חתן וכלה בשעה 10:00

באולם LES SALONS CHAGALL
6501 CHEMIN KILDARE CSL, MONTREAL QUEBEC, CANADA.

וביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בעז"ה בל"נ
ידידכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
ברוך פרושינובסקי וב"ב
קרית טאהש יצ"ו

הורי הכלה
יהושע ישראל הלוי גרינבלאט וב"ב
מאנטריאל יצ"ו

---

פ

בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
אלעזר הלוי נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
חנה ברכה תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' לסדר "טובה הארץ מאוד מאוד" (שלח)
י"ט סיון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם גינת אסתר, ברוקלין, ניו יורק

ידידיכם המצפים לקבל פניכם בשמחה

אם החתן
חי' פערל פרידמאן
אשת הרה"ח ר' שלמה הלוי ז"ל

הורי הכלה
משולם איסר קרויס
ורעיתו

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים

---

בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשם יתברך
הננו מתכבדים להזמין את מעלת כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
יחזקאל יוסף נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
טויבא יהודית תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' פרשת שלח, כ"ב סיון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
WEDNESDAY, THE EIGHTEENTH OF JUNE, 2025
קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30
שמחת חתן וכלה בשעה 9:30

באולם עטרת חי' שרה
106 S. MADISON AVENUE, SPRING VALLEY, NEW YORK

ואי"ה ביום שמחתכם נשוב לכם כגמולכם הטוב
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יצחק שלמה בראדי וב"ב
מאנסי, נ.י. יצ"ו

הורי הכלה
משה פעלבערבוים וב"ב
מאנסי, נ.י. יצ"ו

---


ארייזצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש:

## תלמידי שיעור ג' ביים זאלצן פלייש נאכ'ן קונה זיין די הלכות על בוריו

די תלמידי שיעור ג' וועלכע לערנען אין די איצטיגע טעג הלכות מליחה האבן בעפאר דעם יו"ט שבועות געהאט די געלעגנהייט צו מקיים זיין די לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, ווען נאך א געלונגענע פארהער אויף א חזרת הלימוד, האבן די חשוב'ע תלמידים אליינס געהאט די געלעגנהייט מקיים צו זיין הלכות מליחה.

די בחורים אינאיינעם מיט די מגי"ש זענען אריינגעפארן אין מאנטריאל, ווי עס געפינט זיך די שחט הויז אונטער די אייגנטומערשאפט פון האי בונה ומקים עולמות של תורה, הרבני הנכבד אב"ד קלוזש שליט"א, ווי די תלמידים האבן צוגעזעהן ווי אזוי עס גייט פאקטיש צו די אלע הלכות וואס מען לערנט, און דערנאך געהאט די געלעגנהייט אליינס צו זאלצן די פלייש אונטער די השגחה פון די בעל מכשיר.

אין די געלעגנהייט זייענדיג אינעם שחט הויז, האבן די בחורים אויך געהאט די געלעגנהייט זיך אומצוקוקן אויף נאך אסאך חלקים צוזעהנדיג וויאזוי עס גייט צו די מערכת כשרות הבשר אויף א גאר אויסגעהאלטענע אופן, און אזוי זיך איינגעזאפט נאך פולע ידיעות התורה.

בעפאר די תלמידים זענען אריינגעפארן האבן די בחורים געהאט די גוואלדיגע זכי' צו אפרעכטן א ווארימע תפלת שחרית אינעם נאסטאלגיש'ן בית מדרש הפרטי פון רביה"ק זי"ע, דינענדיג אלס א פרס מיוחד פאר די חשוב'ע תלמידים, און נאך די ווארימע תפלת שחרית און לחיים זענען די בחורים אריינגעפארן קיין מאנטריאל זאלצן פלייש.

*

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר'ן חשוב'ן תומך ומחזיק תורה, הרב אב"ד קלוזש שליט"א, וואס האט בחפץ לב שטארק ארויסגעהאלפן אז די באזוך זאל צושטאנד קומען לתועלת התלמידים, די זכות התורה וועט אוודאי מגין זיין לברך ולהתברך בכל הברכות האמורות בתורה, אנס"ו.

תלמוד תורה עבודת משולם פייש מאנסי:

## הערליכע חומש סעודה געפראוועט געווארן בראשות כ"ק רבינו שליט"א

א הערליכע חומש סעודה אינערהאלב די תלמוד תורה אין שטאט מאנסי איז פארגעקומען די פארגאנגענעם דינסטאג בהעלותך העעל"ט, ווי מען האט געהאט די זכי' אז כ"ק מרן רבינו שליט"א האט באשיינט די מעמד, און מיט די השתתפות פון אלע עלטערן און זיידע'ס וועלכע האבן געשעפט הויפענעס נחת.

אויפן אויבן אן האבן באשיינט כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א, אב"ד קאסאן הילקרעסט שליט"א, וועלכע האבן א אייניקל אינעם תלמוד תורה.

דער געטרייע מלמד הר"ר חיים ראטענשטיין שליט"א אנגעהויבן חומש מיט די קינדער מיט גרויס התלהבות און ברען, און געזינגען הערליכע גראמען אויפן הייליגן אהבה רבה ניגון, און נאך. דערנאך האט הגה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א, בן כ"ק מרן רבינו שליט"א, אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער, און שטארק ארויסגעהויבן די געוואלדיגע ארבעט וואס דער געטרייע מלמד לייגט אריין אין די קינדערלעך, און ווי עס שיינט ארויס אויף די לעכטיגע פירות ב"ה וכן יעזור ה' להלאה.

דערנאך איז פארגעקומען די חאלאקע פון בן הרה"ב אב"ד תפלה לדוד פודהייץ שליט"א פון לעיקוואד, ווי רבינו שליט"א האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן ברכות לרוב.

דערנאך זענען אלע קינדערלעך אריבער ביים רבי'ן, ווי דער רבי האט געטיילט פאר יעדע קינד באזונדער די סידור עבודת הלוי לתשב"ר, מיט קיכן.

די מעמד האט איבערגעלאזט גאר א שטארקע התרגשות'דיגע רושם אויף אלע באטייליגטע, זייענדיג די ערשטע חומש סעודה אינערהאלב מוסדותינו הק' אין ניו יארק.

אין אנדערע נייעס זענען כלל חסידי אנ"ש תושבי מאנסי גאר שטארק אנגעווארעמט צום "דורותינו" קאמפיין וואס איז אריין אין פולן קראפט, און אי"ה פון קומענדיגן זונטאג הבעל"ט וועט זיך אנהייבן די רייכע עלעגאנטע פריוואטע מסיבות ביי ווארעמע אידן אינדערהיים, און אלע אידן פון אנ"ש מאנסי און הורי מוסדותינו הק' וועלן זיך משתתף זיין מיט לכה"פ 1,800 $ די זכות פון א כיתה לשבוע, און מיט דעם אוועקשטעלן די דורות פון אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער עד סוף כל הדורות.




| נאמען | | משפחה | | שטאט | הבחור בן | מסכת | מדף | עד אחר דף |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ"ק | מרן | רבינו | שליט"א | טאהש | | נדה | סה | עג |
| כ"ק | אדמו"ר | מ'ספינקא | שליט"א | טאהש | | ברכות | ב | ח |
| ר' | ברוך שלום | אביש | הי"ו | מאנטריאל | | כתובות | עט | פה |
| ר' | אברהם משה | אייזנער | הי"ו | טאהש | | יומא | עג | פ |
| ר' | יוסף | אייזנער | הי"ו | טאהש | | בבא בתרא | פו | צב |
| ר' | שמואל | אייכענשטיין | הי"ו | ליבערטי | | ערכין | ב | ח |
| ר' | שלום אלי' | אינדיג | הי"ו | מאנטריאל | | נדה | ט | טו |
| ר' | יואל | אקער | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | טז | כב |
| ר' | שלום יחיאל מיכל | ארגעל | הי"ו | טאהש | | נדה | נא | נז |
| הב' | אהרן | באנדא | הי"ו | טאהש | ר' צבי חיים | בבא מציעא | ל | לו |
| הב' | מאיר יודא | באנדא | הי"ו | טאהש | ר' צבי חיים | בבא מציעא | סה | עא |
| ר' | אברהם יושע | בינער | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | ב | ח |
| ר' | אהרן הערש | בינער | הי"ו | קרית יואל | | בבא מציעא | נא | נז |
| ר' | חיים משה | בינער | הי"ו | קרית יואל | | חולין | נח | סד |
| הב' | יואל | בינער | הי"ו | קרית יואל | ר' אברהם יושע | גיטין | ל | לו |
| הב' | יוסף שמעון דוב | בינער | הי"ו | קרית יואל | ר' אברהם יושע | קידושין | נח | סד |
| הב' | שמואל מרדכי | בינער | הי"ו | טאהש | ר' ישעי' יעקב | ראש השנה | ט | טו |
| הב' | חיים מרדכי | בלויא | הי"ו | קרית יואל | ר' יואל | קידושין | כג | כט |
| ר' | שלום | בלום | הי"ו | טאהש | | נדרים | כג | כט |
| הב' | אברהם | בנגיא | הי"ו | מאנסי | ר' שמואל יצחק | תענית | טז | כב |
| ר' | אייזיק מאיר | בערגער | הי"ו | קרית יואל | | חולין | סה | עא |
| ר' | אשר אנשיל | בערגער | הי"ו | קרית יואל | | פסחים | קטו | קכא |
| ר' | יחזקאל איסר | בערגער | הי"ו | מאנסי | | סנהדרין | פו | צב |
| ר' | צבי זאב | בערגער | הי"ו | טאהש | | מעילה | ב | ח |
| ר' | משה חיים | בערקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | זבחים | כג | כט |
| הב' | צבי מאיר | בראדי | הי"ו | מאנסי | ר' יצחק שלמה | ערכין | ט | טו |
| ר' | אהרן אשר | ברוין | הי"ו | מאנסי | | פסחים | צד | ק |
| ר' | יעקב צבי | ברוין | הי"ו | מאנסי | | גיטין | לז | מג |
| ר' | יצחק | ברוין | הי"ו | מאנסי | | סוטה | מד | מט |
| הב' | משה | בריזל | הי"ו | קרית יואל | ר' צבי יעקב | גיטין | עב | עז |
| הב' | יצחק אייזיק יחיאל סג"ל | גאלדשטיין | הי"ו | קרית יואל | ר' מנחם מענדל | סוכה | נא | נו |
| הרב | מנחם מענדל סג"ל | גאלדשטיין | שליט"א | קרית יואל | | כתובות | עב | עח |
| ר' | משה דוד יודא | גאלדשטיין | הי"ו | קרית יואל | | חולין | ק | קו |
| הרב | יואל | גאנדל | שליט"א | קרית יואל | | זבחים | ט | טו |
| ר' | יואל שרגא | גאנדל | הי"ו | מאנטריאל | | בבא בתרא | קז | קיג |
| ר' | משה אהרן | גאנדל | הי"ו | וומסב"ג | | נדה | ב | ח |
| הרב | נתן | גאנדל | שליט"א | קרית יואל | | עירובין | ק | קה |
| הב' | אברהם דוב | גוטמאן | הי"ו | טאהש | ר' יעקב ישראל ברוך | ראש השנה | ב | ח |
| הב' | אלימלך | גוטמאן | הי"ו | טאהש | הרב יצחק יודא משה | בבא מציעא | טז | כב |
| ר' | אשר לעמיל | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | | זבחים | עט | פה |
| ר' | חנני' יו"ט ליפא | גוטמאן | הי"ו | טאהש | | זבחים | ק | קו |
| ר' | יואל בר"ל | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | | נדרים | פו | צא |
| ר' | יחיאל אלתר | גוטמאן | הי"ו | מאנסי | | סנהדרין | לז | מג |
| ר' | יעקב יצחק | גוטמאן | הי"ו | וומסב"ג | | בכורות | מד | נ |
| ר' | יעקב ישראל ברוך | גוטמאן | הי"ו | טאהש | | עירובין | ב | ח |
| הרה"ג | יצחק יודא משה | גוטמאן | שליט"א | טאהש | | ערכין | ל | לד |
| ר' | שלום דוד | גוטמאן | הי"ו | וומסב"ג | | יומא | ט | טו |
| הב' | שמואל אליקים | גוטמאן | הי"ו | טאהש | ר' יעקב ישראל ברוך | מועד קטן | ט | טו |
| ר' | שמואל דוד | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | | כתובות | כג | כט |
| הב' | שמעון | גוטמאן | הי"ו | קרית יואל | ר' שמואל דוד | חגיגה | ב | ח |
| הב' | שמשון | גוטמאן | הי"ו | טאהש | הרב יצחק יודא משה | בבא מציעא | כג | כט |
| ר' | אשר ענזיל | גליק | הי"ו | מאנסי | | ברכות | ט | טו |
| הב' | יודא | גליק | הי"ו | מאנסי | ר' יוסף אלי' | מכות | יז | כד |
| הרה"ג הדומ"ץ | ישראל צבי שלום | גליק | שליט"א | וומסב"ג | | תמורה | טז | כב |
| ר' | משה יצחק | גליק | הי"ו | וומסב"ג | | ערכין | טז | כב |
| הרב | יחזקאל יודא | גליקמאן | שליט"א | קרית יואל | | זבחים | טז | כב |
| הב' | יעקב ישכר בער סג"ל | גליקמאן | הי"ו | קרית יואל | הרב יחזקאל יודא | קידושין | לז | מג |
| ר' | אשר ענזיל | געלב | הי"ו | מאנסי | | שבת | לז | מג |
| הב' | אשר ענזיל | געלב | הי"ו | טאהש | ר' יעקב | בבא קמא | ק | קו |
| ר' | יושע | געלב | הי"ו | מאנסי | | פסחים | קא | קז |
| החתן | יצחק | געלב | הי"ו | טאהש | ר' יעקב | מועד קטן | טז | כב |
| הב' | יצחק | געלב | הי"ו | טאהש | ר' יוסף אשר | מנחות | עט | פה |
| ר' | יעקב יואל | גראד | הי"ו | טאהש | | כתובות | טז | כב |
| הב' | משה עמרם | גראד | הי"ו | טאהש | ר' חיים יודא | מנחות | צג | צח |
| הב' | רפאל | גראד | הי"ו | טאהש | ר' יעקב יואל | חגיגה | כג | כז |
| הרב | יעקב יחזקי' | גרינבוים | הי"ו | וומסב"ג | | בבא בתרא | קיד | קכ |
| ר' | אשר יונה | גרינוואלד | הי"ו | קרית יואל | | נדרים | נח | סד |
| ר' | יעקב שלמה | גרינוואלד | הי"ו | קרית יואל | | סנהדרין | סה | עא |
| ר' | מענדל הערש | גרינוואלד | הי"ו | וומסב"ג | | סוטה | ל | לו |
| ר' | יעקב משה | דאסקאל | הי"ו | קרית יואל | | חולין | קכח | קלד |
| ר' | נתן בנימין | דאסקאל | הי"ו | מאנסי | | סוטה | לז | מג |
| ר' | שלום מאיר | דאסקאל | הי"ו | קרית יואל | | חולין | קלה | קמב |
| ר' | משה יחיאל | דייטש | הי"ו | לאנדאן | | שבת | ב | ח |
| ר' | ישעי' יצחק | האכהייזער | הי"ו | קרית יואל | | עבודה זרה | ב | ח |
| ר' | חיים נחום | האלפערין | הי"ו | טאהש | | פסחים | כג | כט |
| ר' | מנחם מענדל | האלפערין | הי"ו | מאנסי | | יומא | כג | כט |
| הב' | מרדכי לייב | האלפערין | הי"ו | טאהש | ר' משולם פייש | בבא מציעא | צט | קד |
| הרב | פנחס ברוך | האלפערין | שליט"א | טאהש | | מנחות | נא | נז |
| ר' | אברהם אהרן | האניג | הי"ו | בארא פארק | | בבא בתרא | לז | מג |
| הרב | הערש אלימלך | האס | שליט"א | וומסב"ג | | חולין | צג | צט |
| ר' | חיים משה | האס | הי"ו | קרית יואל | | זבחים | לז | מג |
| ר' | יוסף מענדל | האס | הי"ו | קרית יואל | | מעילה | טז | כב |
| ר' | אשר יונה | הארוויץ | הי"ו | טאהש | | עירובין | פו | צב |
| ר' | שמואל שמעון | הארטמאן | הי"ו | לעיקוואד | | מעילה | ט | טו |
| ר' | נתן יודא | העכט | הי"ו | קרית יואל | | כריתות | ב | ח |
| ר' | אלימלך אהרן | הערמאן | הי"ו | טאהש | | מנחות | נח | סד |
| הרב | אברהם יעקב | הערשקאוויטש | שליט"א | טאהש | | תמורה | ב | ח |
| ר' | אהרן אשר יעקב | הערשקאוויטש | הי"ו | זית רענן | | שבת | נח | סד |
| ר' | אהרן קלמן | הערשקאוויטש | הי"ו | מאנסי | | כתובות | צג | צט |
| הב' | אלימלך | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | הרב יוסף מאיר | חולין | מד | נ |
| ר' | אליעזר צבי | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | | בבא בתרא | ב | ח |
| ר' | אליעזר צבי | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | בבא בתרא | טז | כב |
| ר' | ארי' | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | בבא בתרא | ט | טו |
| ר' | דוד brא"ה | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | | פסחים | ט | טו |
| ר' | דוד ברא"י | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | ל | לו |
| הב' | דוד ברי"ק | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | ר' יואל קלמן | סוכה | מד | נ |
| החתן | דוד ברמ"י | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | ר' משה יצחק | ביצה | כג | כט |
| ר' | יואל קלמן | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | בבא בתרא | כג | כט |
| הב' | יוסף | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | ר' אליעזר הערש ברנ"ל | תענית | כג | לא |
| הרב | יוסף מאיר | הערשקאוויטש | שליט"א | טאהש | | יבמות | נא | נז |
| ר' | יעקב שאול | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | | שבת | כג | כט |
| ר' | יקיר | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | כתובות | לז | מג |
| ר' | ישראל | הערשקאוויטש | הי"ו | מאנסי | | שבת | עב | עח |
| החתן | מאיר לייב | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | ר' אליעזר הערש ברא"י | ביצה | לז | מ |
| ר' | מרדכי | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | | עבודה זרה | עא | עו |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר' | נח | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | ט | טו |
| ר' | נחמן שמואל זנוויל | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | | שבת | טז | כב |
| ר' | נתנאל מאיר | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | | מנחות | קה | קי |
| ר' | פנחס זעליג | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | נח | סה |
| הב' | רפאל | הערשקאוויטש | הי"ו | טאהש | ר' נחמן שמואל זנוויל | בבא קמא | ט | טו |
| ר' | שמואל זאנוויל | הערשקאוויטש | הי"ו | קרית יואל | | ברכות | לז | מג |
| ר' | יואל סג"ל | וואנחאצקער | הי"ו | קרית יואל | | נזיר | מד | נ |
| הב' | יוסף צבי | וואסערמאן | הי"ו | וומסב"ג | ר' שמואל | יומא | טז | כב |
| ר' | יעקב | ווידער | הי"ו | טאהש | | ברכות | טז | כב |
| ר' | יחזקאל | וויינבערגער | הי"ו | מאנסי | | עבודה זרה | כג | כט |
| הב' | יצחק יואל | וויינבערגער | הי"ו | מאנסי | ר' יחזקאל | בבא קמא | נא | נז |
| ר' | משה יואל | וויינבערגער | הי"ו | טאהש | | תמורה | ל | לד |
| ר' | משה לייב | וויינבערגער | הי"ו | וומסב"ג | | מגילה | כג | כז |
| ר' | יעקב יצחק יואל | וויינגארטן | הי"ו | קרית יואל | | תמורה | ט | טו |
| הרב | יואל | ווייס | הי"ו | בלומינגבערג | | בכורות | כג | כט |
| ר' | נח | ווייס | הי"ו | מאנסי | | גיטין | ב | ח |
| ר' | נחום דוב | ווייס | הי"ו | טאהש | | הוריות | ב | ו |
| הב' | נפתלי | ווייס | הי"ו | בארא פארק | ר' אביעזר | בבא בתרא | קע | קעו |
| הב' | צבי הירש | ווייס | הי"ו | מאנסי | ר' דוב בער | מגילה | ט | טו |
| ר' | שמעון | ווייס | הי"ו | קרית יואל | | בכורות | ל | לו |
| החתן | יצחק אייזיק | וועבערמאן | הי"ו | מאנטריאל | ר' מרדכי | ראש השנה | טז | כב |
| הב' | בנימין זאב | זוסמאן | הי"ו | טאהש | ר' שמעון | גיטין | ט | טו |
| הרב | יעקב | זוסמאן | שליט"א | טאהש | | עירובין | מד | נ |
| הב' | מרדכי | זוסמאן | הי"ו | טאהש | ר' שמעון | גיטין | פה | צ |
| הב' | שמשון | זוסמאן | הי"ו | טאהש | ר' שלמה | מכות | ט | טז |
| ר' | אברהם מרדכי | זילבער | הי"ו | טאהש | | בבא קמא | ל | לו |
| ר' | זושא | זילבער | הי"ו | וומסב"ג | | שבת | קיד | קכ |
| ר' | יודל | זילבער | הי"ו | וומסב"ג | | יבמות | עב | עח |
| ר' | שמעון ברש"ד | זילבער | הי"ו | בארא פארק | | כתובות | נא | נז |
| הב' | בנימין | טויבער | הי"ו | מאנסי | ר' בנציון יוחנן | בבא קמא | ב | ח |
| ר' | הערש אלימלך | טייטלבוים | הי"ו | בארא פארק | | מנחות | ב | ח |
| ר' | יואל | טייטלבוים | הי"ו | קרית יואל | | תמיד | כה | כט |
| הב' | שמחה אלעזר | טייטלבוים | הי"ו | מאנסי | ר' איתמר | גיטין | עח | פד |
| ר' | אברהם זאב | טירנויער | הי"ו | וומסב"ג | | כתובות | ק | קו |
| ר' | ידידי' יוסף | טירנויער | הי"ו | מאנסי | | יומא | סה | עב |
| הרב | יוסף ישכר בער | טירנויער | שליט"א | טאהש | | יבמות | נח | סד |
| ר' | יצחק אייזיק | טירנויער | הי"ו | וומסב"ג | | שבת | מד | נ |
| ר' | יצחק אייזיק | יאקאבאוויטש | הי"ו | בארא פארק | | גיטין | סה | עא |
| ר' | יואל | יונגער | הי"ו | אנטווערפן | | בבא בתרא | קכח | קלד |
| הב' | ישראל יעקב | יונגער | הי"ו | קרית יואל | הרה"ג דומ"ץ קהלתינו | קידושין | עב | עז |
| הרה"ג הדומ"ץ | שלמה | יונגער | שליט"א | קרית יואל | | נדה | טז | כב |
| הרה"ג הדומ"ץ | יצחק אברהם | יונגרייז | שליט"א | מאנסי | | נדה | כג | כט |
| הב' | יעקב | כ"ץ | הי"ו | טאהש | ר' יואל | בבא מציעא | עב | עח |
| הב' | שמעון | כ"ץ | הי"ו | טאהש | ר' זלמן | חולין | ל | לו |
| ר' | יעקב דוב | כהן | הי"ו | בארא פארק | | שבת | צג | צט |
| ר' | יעקב דוב | כהן | הי"ו | מאנסי | | זבחים | סה | עא |
| ר' | רפאל | כהן | הי"ו | מאנסי | | יבמות | לז | מג |
| הרב | נחמן | כהנא | שליט"א, חדב"ן | טאהש | | חולין | ב | ח |
| הרב | נחמן ברע"י | כהנא | שליט"א | טאהש | | סנהדרין | ל | לו |
| הרב | פסח | כהנא | הי"ו | ירושלים | | עירובין | סה | עא |
| הב' | אהרן משה | לאבין | הי"ו | מאנטריאל | ר' יצחק אייזיק | ביצה | ב | ח |
| ר' | אלכסנדר ליפא | לאבין | הי"ו | וומסב"ג | | פסחים | נח | סד |
| הב' | נפתלי צבי | לאבין | הי"ו | מאנסי | ר' ישראל יצחק אייזיק | בבא קמא | כג | כט |
| הרב | אברהם יודא סג"ל | לאווי | שליט"א | טאהש | | כריתות | כג | כח |
| הרב | איתמר סג"ל | לאווי | שליט"א | בארא פארק | | מנחות | טז | כב |
| הב' | יוסף ארי' סג"ל | לאווי | הי"ו | טאהש | הרב אברהם יודא | בבא מציעא | פו | צב |
| הרב | יעקב סג"ל | לאווי | שליט"א | בארא פארק | | בבא בתרא | קנו | קסב |
| הרב | יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל | לאווי | שליט"א | וומסב"ג | | בבא בתרא | קמט | קנה |
| הרב | ישראל מרדכי סג"ל | לאווי | שליט"א | וומסב"ג | | חולין | נא | נז |
| הרב | משה סג"ל | לאווי | שליט"א | וומסב"ג | | כריתות | טז | כב |
| ר' | אהרן יחזקאל דוב סג"ל | לאוזען | הי"ו | קרית יואל | | סוטה | ב | ח |
| הב' | חיים יחזקאל סג"ל | לאוזען | הי"ו | טאהש | ר' אלימלך | חגיגה | ט | טו |
| ר' | ישראל בנימין סג"ל | לאוזען | הי"ו | טאהש | | עירובין | עט | פה |
| הרה"ג הדומ"ץ | בנימין זאב | לאנדאוי | שליט"א | בארא פארק | | חולין | עב | עח |
| ר' | ישראל יעקב | לאנדאוי | הי"ו | מאנסי | | זבחים | קז | קיג |
| ר' | נפתלי מנחם | לאנדאוי | הי"ו | קרית יואל | | ברכות | ל | לו |
